# מ פ ת ח


פתח דבר
אזוי ווי דא קען וואקסן האר... — א
מ'האט מיך ארעסטירט, בכדי צו ברייגבען אויסלייז — ה
די לאנדונג אין לבנון — י
א קאפיטל תהלים, א פרק משניות און א פרק תניא — טז
ווען ס'פעלט א מזוזה... — חי
אן ענטפער אויף א בריוו אן אן אונטערשריפט — כב
דער אנטלאפענער האט זיך אפגעזוכט — כד
א געוואלדיקער מופת פון רבי'ן שליט"א — כח
די דייטשקע וואס געפרואווט פאר'סמ'ען א איד — לז
פארשפארט א האלדז-אפעראציע — לח
די מזוזה און דאס הארץ — מא
א "מעשה פלא" — מו
א "פשוט'ע שכירעכץ" קען אויך העלפן — נד
"א דאלאר אין האנט אריין..." — נו
די ברכה איז מקויים געווארן במילואה — ס
דער אבה'ער באדייט פון צוויי ווערטער — סד
דער ציל פון שיקן א תניא קיין... יאפאן — סט


כל הזכויות שמורות

די פארעפענטלעכטע דערציילונגען זיינען א טייל פון מערערע מעשיות שהיו, וואס דער פארצייכענער האט אויפגעזאמלט פון די פארלעסלעכע מקורות – גוט-באקאנטע חסידישע אידן און יראי-השם, וועלכע זיינען געהיט פון זאגן ניט-אמת ח"ו און מגזם זיין אפילו, באזונדערס ווען עס האנדלט זיך וועגן ענינים וואס האבן א שייכות צו א נשיא בישראל. ווי דער לייענער וועט אליין זען, זיינען דאס אלץ מעשיות, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק א מופת'דיקער, איבערנאטירלעכער אופן ווי אזוי דער ליובאוויטשער רבי שליט"א האט געהאלפן אידן דורך ברכות, עצות, הוראות אדער אפילו מיט סתם א ווארט און אנ-ווייז. ווי דערמאנט, זיינען די פארצייכנטע סיפורים בלויז א קלענער טייל פון די פילצאליקע נסים'דיק-מופת'דיקע פאסירונגען פון רפואות ישועות און רעטונגען פון פארשידענע צרות, וואס פארשידענע אידן בכל קצוי תבל האבן זוכה געווען צו געניסן פון דעם מנהיג ישראל, אין משך פון די פארגאנגענע עטלעכע צענדליק יאר.

צוליב דעם וואס דער הויפט-געוויכט ביים פארצייכענען די מעשיות איז געלייגט געווארן אויף אפהיטן זייער מקור'דיקע ראיעלקייט, אויטענטישקייט און זיך אויסהיטן פון יעדע איבערטרייבונג און אפנויג – דעריבער דערשיינען זיי אין א געוויסן קורץ-טרוקענעם סטיל, אן דראנאטיזירונגען און באפוצונגען – "לא כחל ולא שרק וכו'". און אפט פעלן אין זיי אפילו געוויסע "בינד-פעדים" און לעבנס-שטריכן, וואס שטערן אין דער לעבעדיקייט פון די שילדערונגען, מחמת מאנגל אין די פינקטליכקייטן פון געוויסע אינפארמאציעס פון פרטים – און דער פארצייכענער האט ניט געוואלט צוגעבן אפילו געווייגליכע זעלבסט פארשטענדלעכקייטן. (בפרט אז ס'איז אפט ניט ארויסצו-קריגן אזעלכע סיפורים פון נוגעי-בדבר – סיי צוליב פערזענלעכע ספעציפישע סיבות, סיי צוליב פארנומענקייט, ווייטער דיסטאנץ או"ו).

אויך דער סדר פון די סיפורים ווערט דא געגעבן אין אן אזוי-גערופענעם "צופעליקן" אופן – ניט לויט א כראנאלאגישן אדער אנדערן באשטימטן סיסטעם. דער סדר איז מער לויטן גאנג פון די פארצייכענונגען.

דער ציל פון פארעפענטלעכן די דאזיקע מעשיות? – דער אמת, אז מ'דארף גארניט זוכן קיין מאטיון און טעמים, ווייל קיין שום אנדערע פארעפענטלעכטע דערציילונגען, מעשיות או"וו האבן אזא נאטירלעכע און זעלבסטפארשטענדלעכע מאטיווירונג, ווי עס האבן אט די אמת'ע וואונדער-מעשיות. און פון די צענדליקער טעמים – זאל דא דערמאנט ווערן איינער בקיצור: אין אזא פינסטערער, דערשראקענער, צעוואקלטער וועלט פון אפאטיע און הילפלאזיקייט, איז זייער געוואונטשן אז אידן זאלן דערשפירן: "לא אלמן ישראל", אז ס'איז דא אן איש-אלקים א נשיא בישראל.

## "אזוי ווי דא קען וואקסן האר..."

די ווייטערדיקע פאסירונגען האט דער־ציילט הרב החסיד ר' יהודה לייב קרעמער הי"ו, מנהל פון דער ישיבה "תומכי תמימים" אין מאנטרעאל און פראמינענטער עסקן אין דעם חב"ד־קרייז פון מאנטרעאל. ווי ער האט זיך אויס־געדריקט איז ער אליין "געווען אינ־וואלווד" אין דעם. צוליב פארשטענד־לעכע טעמים איז ער דורכאויס באשטאנען ניט צו דערמאנען קיין נעמען.

מיט אן ערך פינף־און צוואנציק יאר צוריק איז צו מיר אין מאנטרעאל געקומען א יונג פארפאלק און האבן פאר מיר "אויסגערעדט דאס הארץ". זיי זיינען שוין געווען פארהייראט קנאפע צוויי יאר און האבן נאך ניט געהאט קיין קינדער. ווען ס'איז פארביי א געוויסע צייט נאך דער חתונה און זייער באגער צו האבן א קינד איז ניט דערפילט געווארן, האבן זיי זיך געלאזט אונטערזוכן ביי א דאקטאר. דעם דאקטאר'ס דיאגנאז איז געווען גאר ניט קיין באדרויקנדיקער - ער האט פעסטגע־שטעלט, אז זיי קענען ניט געבוירן קיין קינד. ער האט אויך אויסגעפונען, אז דער אפהאלט איז צוליב אים, דעם מאן.

דאס פארפאלק האט געהערט צו מאדערנעם אידיש־ארטא־דאקסישן קרייז, "טראדיציאנעל" פרום - פון דעם "יאנג־איזראעל" טיפ ("אין אמעריקע קען עס הייסן פרום" - האט בא־טאנט דער דערציילער). איך זיינע גאר יונגע אינגלשע יארן האט ער א ביסל געלערנט אין אונזער ישיבה - אין די נאכמיטאג־קלאסן. איז ער מיט זיין פרוי איצט געקומען צו מיר און זיי ווילן הערן פון מיר וואס איך קען זיי ראטן און ארויסהעלפן אין זייער פראבלעם.

מיין מיינונג איז, האב איך זיי געזאגט, איר זאלט פארן קיין ניו־יארק און אריינגיין אויף "יחידות" צום ליובאוויטשער רבי'ן שליט"א. צו באשטעלן באלד א טאג פאר דער "יחידות" ביים רבי'ן איז איצט ניט מעגלעך, האב איך זיי געזאגט, נאר זיי האבן אן אנדער מעגלעכקייט: ס'איז דאן געווען די צייט נאענט צום יום־טוב פסח, טא זאלן זיי "פארן צום רבי'ן" קיין ברוקלין אויף גאנץ פסח, אדער אויף די צווייטע טעג יום־טוב, וועלן זיי אלס אורחים האבן דעם זכות אריינצוגיין באלד נאך יום־טוב אויף "יחידות" צום רבי'ן שליט"א.

דאס יונגע פארפאלק האט מיך געפאלגט און זיינען געקומען קיין ברוקלין (צי זיי זיינען דארט געקומען אויף גאנץ פסח אדער אויף וויינציקער - ווייס איך ניט). באלד נאך

פסח, ווען די געקומענע אורחים צום רבי'ן זיינען אריין אויף יחידות, זיינען אויך די יונגע מאן-און-ווייב אריינגעקומען אין רבינ'ס "יחידות"-צימער.

זיי האבן דעם רבי'ן דערציילט וואס עס דריקט זיי, און געבעטן, אז דער רבי זאל זיי העלפן, זאל זיי בענטשן מיט א ברכה אויף קינדער. דער רבי שליט"א האט, פארשטייט זיך, זיי געגעבן זיין ברכה; און האט דערביי זיי געזאגט, אז זיי זאלן דא אריין און זיך לאזן אונטערזוכן ביי א געוויסן דאקטאר און זיי געזאגט דעם נאמען פונעם דאקטאר.

דאס פארפאלק האט זיך נאכגעפרעגט וועגן דעם נעמלעכן דאקטאר און אויסגעפונען אז ער געפינט זיך ניט אין דער היים, ער איז ערגעץ אוועקגעפארן און וועט אהיימקומען איבער א וואך ארום.

דער יונגערמאן איז געווען א פארנומענער געשעפט-מענטש און האט זיך געאיילט אהיימפארן קיין מאנטרעאל צו זיין געשעפט – האט ער ניט געוואלט ווארטן ביז דער דאקטאר וועט צוריקקומען קיין ניו-יארק. די פרוי האט, אבער געזאגט: ניין, וויבאלד דער רבי האט געזאגט זיי זאלן דא, אין ניו-יארק, גיין צו דעם דאקטאר – דארף מען טאן אזוי ווי דער רבי האט געזאגט. האבן זיי געמאכט א פשרה: זיי וועלן זיך מיישב זיין מיט הרב כאדאקאוו (הויפט פון "מזכירות" פון רבי'ן שליט"א) און טאן ווי ער וועט זאגן. הרב כאדאקאוו האט זיי געגעבן אן עצה, אז זיי זאלן דאס גופא פרעגן, אין א בריוול, ביים רבי'ן שליט"א.

זיי האבן איבערגעגעבן א צעטל צום רבי'ן שליט"א מיט דער פראגע: היות דער נעמלעכער דאקטאר וועט ערשט זיין דא א וואך שפעטער, ווילן זיי די מיינונג פון רבי'ן צי זיי זאלן ווארטן, אדער צוריקפארן קיין מאנטרעאל. זיי האבן באקומען אן ענטפער, אז זיי זאלן פארן אהיים און זיי זאלן דארט אין מאנטרעאל אריינגיין צו א דאקטאר – און דער רבי שליט"א האט אויך דערביי אנגעגעבן דעם נאמען פונעם דאקטאר.

נאך דעם ענטפער איז דאס פארפאלק אפגעפארן פון ניו-יארק; עס זעט אבער אויס, אז די פרוי איז ניט געווען צופרידן און ס'האט איר פארדראסן פארוואס זיי האבן ניט אויסגעפאלגט דאס וואס דער רבי האט זיי געזאגט אויף דער "יחידות". נאך זייער אומקערן זיך קיין מאנטרעאל, זיינען זיי ווידער געקומען צו מיר. איידער זיי זיינען אריין אין מיין אפיס-צימער, האב איך געהערט ווי זיי אמפערן זיך און טענה'ן זיך אויס וועגן עפעס. ווען זיי זיינען אריין אין חדר האב איך זיי געפרעגט: וואס איז געשען? פארוואס האט איר זיך געוועורטלט אין דרויסן?

האט זיך די פרוי אפגערופן, אז זי איז ניט איינשטימיק מיט איר מאן. זי האלט זיך נאך אלץ ביי איר מיינונג, אז



וויבאלד דער רבי האט געזאגט זיי זאלן באזוכן א דאקטאר אין ניו-יארק, האבן זיי דאס געדארפט געניי אויספאלגן. אי, ס'איז שווער, מען דארף ווארטן אויף אים – דארף מען ווארטן! אויב מ'וויל געהאלפן ווערן, מוז מען זיך אנשטרענגען, מוז מען זיך צובויגן...

דעם מאנ'ס טענה איז געווען: דער רבי שליט"א האט דאך פארט געזאגט, אז מ'קען גיין זען א דאקטאר אין מאנטרעאל – איז עס די זעלבע זאך און דאס מיינט אז מען פאלגט וואס דער רבי זאגט.

בקיצור: וואס ווילן זיי פון מיר? זיי בעטן מיך, אז איך זאל פאר זיי אפרופן דעם דאקטאר און זיך פארבינדן מיט אים, ווייל זיי האבן צו אים געקלונגען און ער וויל זיי ניט אויפנעמען. איך האב דעם דאקטאר געקענט זייער גוט. האב איך טעלעפאנירט צום דאקטאר און אים געזאגט:

– הער זיך איין מיין פריינט, אז דער ליובאוויטשער רבי שיקט צו דיר פאציענטן, דארף עס זיין פאר דיר א גרויסער כבוד! און צום סוף הער איך גאר, אז דו ווילסט זיי ניט געבן קיין "אפאינטמענט" (אן אויפנעם-צייט) – קען איך דאס ניט פארשטיין!

ענטפערט מיר דער דאקטאר:

– ראבאי, יו נאו מי ווערי וועל, יו נאו דאט אי עם א סטרעיט מען. אי נאו טהיס קאפל קיים טו . . . הו שער וויט מי טהי אפיס. אי נאו דהי קעיס ענד אי נאו טהיס מען קענט העוו טשילדרען... סא, אי דאנ'ט וואנט טו טעיק מאני...

(איך אידיש מיינט עס: ראבאי, איר קענט מיך גאנץ גוט. איר ווייסט, אז איך בין אן אפענער מענטש, אן דריידלער, הייסט עס... איך ווייס דעם פארפאלק, זיי זיינען געווען ביים דאקטאר וואס טיילט מיט מיר דעם אפיס מיינעם. איך קען גוט זייער ענין און כ'ווייס, אז דער מאן קען ניט האבן קיין קינדער... איך וויל ניט נעמען אומזיסט געלט...

האב איך אים געזאגט, אז דאס איז אלץ געזאגט געווארן, אז דאס אלץ האט אן ארט ביז א רבי שיקט צום דאקטאר; אבער ווען א רבי שיקט דעם פאציענט צום דאקטאר איז שוין גאר עפעס אנדערש. דארף מען זען און טאן, און מ'וועט געהאלפן ווערן.

– וואהט דו יו וואנט?! – האט מיר דער דאקטאר געענטפערט – דהאט אי שוד מעיק מיראקלס?! – טא וואס ווילט איר פון מיר? – האט ער געזאגט – איך זאל אויפטאן נסים?!

– ניין, – האב איך אים געזאגט – דו דארפסט ניט באווייזן קיין נסים. דו דארפסט טאן וואס א דאקטאר דארף טאן. דו נעם זיי אויף און אונטערזוך זיי – און דער אויבערשטער וועט שוין טאן און באווייזן די נסים...

- נו, אלרייט, זאלן זיי קומען צו מיר - האט ער צום סוף געזאגט.

איך דער זעלבער וואך איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ניו-יארק. ווען איך בין דעמאלט געווען ביים רבי'ן שליט"א, האב איך דערציילט דעם רבי'ן דעם אינהאלט פון מיין איבערשמועס מיטן אויבנדערמאנטן דאקטאר. האט מיר דער רבי געזאגט:

- איך האב געהערט וועגן דעם דאקטאר און ניט געגלויבט ער זאל זיין אזא נאר און דענקען, אז איך וויל פון אים ער זאל באווייזן נסים. נסים וועט ווייזן דער רבונו-של-עולם, און ער דארף טאן וואס ער דארף טאן.

הכלל, דער דאזיקער דאקטאר האט זיי אויפגענומען אין זיין אפיס, זיי גוט אונטערזוכט און איז געקומען צום... זעלבן אויספיר, אז זיי קענען ניט האבן קיין קינדער. נו, האט ער "געטאן" וואס ער האט געקענט טאן...).

* * *

די צייט גייט זיך איר וועג. עס איז געווען אן ערב-יום-כיפור, ווען איך האב באגעגנט אט דעם דאקטאר און אים געגעבן א זאג:

- איר ווייסט, דאקטאר, אז איך א פאר טעג ארום וועל איך פארן צו א ברית ביי יענעם פארפאלק. ס'איז ביי זיי, הייסט עס, געבוירן געווארן א אינגעלע (זיי האבן דעמאלט געוואוינט אין א פארשטאט פון מאנטרעאל).

- אומגלויבלעך! עס קען ניט געמאלט זיין! - האט דער דאקטאר אויסגערופן. ער האט דערביי געזאגט, אנווייזנדיק אויף דער האנט-דלאניע, מיטן באקאנטן נוסח:

אזוי ווי דא קען וואקסן האר - אזוי קענען זיי האבן קינדער. אוממעגלעך!

- וואס הייסט, "אוממעגלעך" - האב איך געענטפערט - איר ווייסט וואס? קומט, מיר וועלן פארן צוזאמען צום "ברית"...

דאס דאזיקע פארפאלק האט נאכדעם געהאט נאך קינדער - האט הרב קרעמער פארענדיקט דעם סיפור.



## מ'האט מיך ארעסטירט, בכדי צו ברענגען אויסלייז צו א אידן...

אויך די פאלגנדיקע געשיכטע איז פאר- צייכנט געווארן "פון ערשטן קוואל" - לויט ווי עס דערציילט הרב יהודה ל. קרעמער, דער מנהל פון דער ישיבה אין מאנטרעאל.

די דראמאטישע געשעעניש איז פארלאפן מיט א יאר 5-6 צוריק, ווען אידן אין פארשידענע לענדער האבן געליטן פון א כוואליע טעראריסטישע אנפאלן און אטאקעס. איין זונטיקדיק אוונט האט זיך אין מיין הויז באוויזן א איד, א פארמעגלעכער בעשעפטסמאן, און מיך געבעטן אויסהערן וואס ער האט צו דערציילן. און אט וואס דער איד האט מיר דערציילט:

מיט אייניקע טעג צוריק האבן זיך אין זיין הויז אריינ-געכאפט "געוויסע פארשוינען" און האבן געקידנעפט זיין טאכטער. געווען איז עס אין מיטן העלן טאג, ווען בלויז זיין פרוי און די טאכטער זיינען געווען אין שטוב. די קידנעפער האבן אנגעקלונגען אין טיר און אז די פרוי האט געעפנט, זיינען זיי אריין אין הויז און אוועקגענומען די טאכטער.

די קידנעפער האבן דערנאך טעלעפאניש געלאזט וויסן, אז זיי פארלאנגען א פערטל מיליאן דאלאר אויסלייז-געלט און ווען זיי וועלן עס באקומען וועט די טאכטער צוריקגעבראכט ווערן צו אירע עלטערן. זיי האבן אויך געגעבן אנגעוויזן דאס ארט וואס דאס געלט זאל געבראכט ווערן דורך דעם פאטער, ווי אויך באשטימט די צייט ווען ער זאל ברענגען די געלט. דערביי האבן זיי שטרענג געווארנט, אז ער זאל וועגן דעם ניט מעלדן צו דער פאליציי; און אז אויב מ'וועט זיך יע פארבינדן מיט דער פאליציי, וועלן זיי, די עלטערן פון דער טאכטער, שטארק באדויערן.

אבער די פאליציי האט, אויף א געוויסן וועג, זיך יע דערוואוסט וועגן דער קידנעפונג. די פאליציי-באאמטע האבן איינגעשטעלט געהיימע אונטערהער-אפאראטן צו די טעלעפאנישע דראטן און האבן אויפגעכאפט די טעלעפאנישע שמועסן צווישן די קידנעפער און די עלטערן. אזוי ארום האט די פאליציי געוואוסט וועגן און וואו דאס אויסלייז-געלט דארף איבער-געגעבן ווערן צו די אונטערוועלט-חברה.

ווען דער פאטער איז אין זיין אויטא געפארן מיטן זעקל אויסלייז-געלט צום באשטימטן פלאץ, איז א פארשטעלטער פאליציי-מאשין אים נאכגעפארן. צופארנדיק צום אפגערעדטן ארט, האט דער פאטער ארויסגעווארפן דאס פעקל מיט די באנק-נאטן און איז צוריקגעפארן אהיים, וואו ער האט שוין געטראפן זיין טאכטער. די קידנעפער האבן זי שוין געהאט צוריקגעבראכט. אבער דאס פעקל געלט האט די פאליציי אויפגעהויבן און

צוגענומען און, פארשטייט זיך, צוריקגעגעבן צום אייגנטימער פונם געלט. זעט אויס, אז די קידנעפער האבן אין לעצטן מאמענט געהאט א פארדאכט, אז ס'איז "ניט אין ארדענונג" און זיי האבן זיך ניט באוויזן אינעם באשטימטן ארט. געשען איז דאס מיט א פאר טעג פריער, איידער דער איד איז צו מיר געקומען.

אזוי האט ער דערציילט און האט געציטערט, זיך קיין ארט ניט געפונען פון גרויס פחד. ווער ווייסט, וואס אזעלכע אויס-וואורפן קענען אפטאן, טאמער זיי באשליסן זיך נוקם צו זיין דערפאר וואס די פאליציי האט זיך אריינגעמישט און צעשטערט זייערע פלענער...

דער איד איז פארצווייפלט, ער ווייסט ניט ווי אזוי ער קען ארויסקריכן פון דער לויערנדיקער סכנה און דערוואַרט פון מיר, זעט אויס, עפעס אן עצה, א הילף. מ'דארף דאך העלפן דעם אידן – האב איך געטראכט – אבער ווי אזוי, מיט וואס?

איך האב זיך געישוב'ט און באשלאסן: מ'דארף פארן צום רבי'ן שליט"א. איך יענער צייט האט מען שוין ניט געקענט אריין צום רבי'ן שליט"א אויף "יחידות". נו, וועל איך וועגן דעם אלעם, וואס דער איד דערציילט, איבערגעבן צום רבי'ן דורך א בריוו און בעטן דעם רבינ'ס ברכה פאר אים, פאר זיין טאכטער, פאר דער גאנצער משפחה. איך האב אויך ביי זיך אפגעמאכט צו זיין "אויף 770" צו מנחה. אזוי ארום, אז דער רבי שליט"א וועט אריין אין בית-מדרש דאווענען מנחה און וועט מיך באמערקן – האב איך געטראכט – וועט דער רבי פארבינדן מיין זיין דארט מיט דעם אריינגעשיקטן בריוו, און עס וועט מעגלעך זיין באלד אן ענטפער אויפן בריוו.

יענעם מאנטיק, אויף מארגן נאך דעם אידנס באזוך, האב איך שוין ניט געקענט פארן קיין ניו-יארק. כ'וואלט סיי ווי ניט באוויזן צו זיין ביים רבי'ן צו מנחה (בכדי אנצוקומען דארט צו מנחה האט מען געדארפט ארויספליען פון מאנטרעאל גאנץ פרי). בין איך ארויסגעפארן דינסטיק פרי פון מאנטרעאל און אפגעפלויגן קיין ניו-יארק.

פליענדיק אין עראפלאן איז מיר אויסגעקומען צו ריידן מיט נאך א פאסאזשיר – א פרוי – וואס איז געווען באקאנט מיט דער משפחה פון דער געקידנעפטער טאכטער און געוואוסט די גאנצע קידנעפ-פאסירונג. איך האב איר דערציילט, אז דער גאנצער ציל פון מיין פארן איז צו זיין באלד אין ברוקלין און דארט בעטן ביים רבי'ן א ברכה פאר דער געטראפענער משפחה. די פרוי האט מיר געזאגט, אז ס'איז זייער גוט וואס איך האב זיך אונטערגענומען צו טאן פאר דער משפחה; זי ווייסט גוט ווי פארביטערט און דערשלאגן די מענטשן זיינען.

איידער כ'בין אפגעפארן פון מאנטרעאל, האב איך זיך פארבונדן מיט מיין זון אין ברוקלין און אים געבעטן: ס'וואלט געווען גוט ווען ער אראנזשירט, אז אן אויטא זאל מיך



אפווארטן אויפן (קענעדי) לופט-פעלד, בכדי וואס פריער קומען "אויף 770". ווען איך בין אראפ פון עראפלאן אויפן לופט-פארט, בין איך ארויס אין דרויסן זען צי ס'איז דא די אויטא וואס מיין זון האט געזאלט צוגרייטן. ניט געפינענדיק אזא מאשין אין דרויסן, בין איך צוריק אריין אין טערמינאל בכדי צו טעלעפאנירן אין הויז פון מיין זון. כ'האב געוואלט וויסן: ס'איז ארויסגעפארן אן אויטא אדער כ'דארף נעמען א טאקסי.

ארייַנגייענדיק אינעווייניק, נאך איידער כ'בין צוגע-קומען צום טעלעפאן, איז צו מיר צוגעקומען א מאן אין ציווילער קליידונג. ער האט מיך געוויזן אן אידענטיפיקאציע-פאפיר וואס צייגט אז ער איז א דעטעקטיוו און ער זאגט צו מיר קורץ און קלאר: איר זייט ארעסטירט!

האב איך אים אנגעקוקט א דערשטוינטער און געזאגט: וואס עפעס – פלוצים? פאר וואס? פאר ווען? מסתמא מאכסטו דא עפעס א טעות.

– ניין – האט ער מיר געענטפערט – כ'מאך ניט קיין טעות.

איך האב אים געזאגט, אז כ'וואלט וועלן איצט אנקלינגען צו מיין זון און...

– נאו, יו קענט דו איט! ס'הייסט: דו קענסט עס ניט טאן! – האט ער מיר געזאגט. און כ'זע באלד ארום זיך א גאנצע חברה פאליציי-לייט, געהיים-אגענטן און ער הייסט מיר מיטגיין מיט אים.

ער האט מיך אריינגעפירט אין א פאליציי-אפיס, אויפן קענעדי לופט-פעלד. דארט האט ער באפוילן כ'זאל ארויסלייגן אלץ וואס כ'האב מיט זיך געהאט: די פאפירן, טשעקס, געלט, אמעריקאנער באנקנאטן, קאנאדער א"א. אינצווישן האט זיך צעקלונגען דער טעלעפאן אין יענעם פאליציי-אפיס. דער דאזיקער העכערער פאליציי-באאמטער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, זיך צוגעהערט צום טרייבל – און מאדנע: כ'האב באמערקט ווי זיין פנים איז פלוצים געווארן בלייך, בלאס און נאכדעם רויט, עס בייטן זיך די קאלירן פון זיין געזיכט. נאך א פאר מינוט הערן און ריידן האט ער אוועקגעלייגט דעם טעלעפאן-טרייבל, זיך א קער געטאן צו מיר און געזאגט:

– ראבאי, פליז, אַי וואנט טו אפאלאדזשאיס... כ'בעט אייך, ראבאי, איר זאלט מיך אנטשולדיקן פאר באלעסטיקן אייך אומזיסט. דעם, וועמען מיר האבן געזוכט, האט מען ערשט "אריינגעפאקט"... מיר האבן יע געמאכט א טעות ווי איר האט געזאגט. ביטע, אנטשולדיקט אונז, פאריגט אונז אא"ו.

כ'האב ניט געהאט קיין ספעציעלע זאך אים צו זאגן, האב איך צוזאמענגענומען מיינע זאכן און כ'בין ארויס נעמען א טאקסי, בכדי וואס גיכער קומען "אויף 770". "כ'האב שוין ניט וואס צו ווארטן אויף מיין זונ'ס אויטא", האב איך געטראכט.

די געשיכטע מיט מייך "ארעסט" האט ביי מיר צוגענומען ארום א האלבע שעה.

כ'בין צוגעפארן צו "770" פונקט אין זעלבן מאמענט, ווען אויך דער רבי שליט"א איז דארט אנגעקומען. - ארום צוועלף בייטאג. ווען איך בין אריין אינעווייניק אין בנין, האט מיך דער רבי אנגעקוקט מיט א בליק, וואס האט ווי "געזאגט": וואס ביסטו עפעס געקומען דא, אזוי, אין א פשוטן מיטן וואך? יא, דעם רבינ'ס בליק האט מיך אויך "געזאגט", אנגעזאגט, אז מייך שליחות וועט דורכגעפירט ווערן מיט הצלחה.

דער בריוו צום רבי'ן שליט"א איז שוין ביי מיר געהאט געווען כמעט אינגאנצן גרייט. כ'האב אים נאך אמאל איבערגע-לייענט, צוגעענדיקט שרייבן און אוועקגעלייגט דעם בריוו אינעם ספעציעלן ארט, פון וואנען די בריוו ווערן איבערגעגעבן צום רבי'ן שליט"א. דערנאך בין איך אריין צו הרב כאדאקאוו (הויפט פון "מזכירות" פון רבי'ן שליט"א) און אים דערציילט די גאנצע פאסירונג פון דער קידנעפונג מיט אל'ע דעטאלן.

אזייגער איינס בין איך אריין אין מזכירות-חדר און פונקט דעמולט האט דער רבי שליט"א צו זיך אריינגערופן איינעם פון די "מזכירים" (סעקרעטארן) און האט דורך אים איבערגעגעבן אן ענטפער אויף מייך בריוו.

דער גרויסער וואונדער דערביי איז געווען, וואס צוזאמען מיט מייך בריוו זיינען אריינגעקומען צום רבי'ן שליט"א נאך א צוויי הונדערט בריוו, אזוי אז עס איז איבערהויפט בשום אופן ניט געווען מעגלעך אז דער רבי זאל איבערקוקן אין דער קורצער שעה אזויפיל בריוו - און דאך איז שוין דא אן ענטפער אויף מייך בריוו! (איך אליין האב אריינגעגעבן נאך דריי בריוו, אויף וועלכע דער רבי שליט"א האט דעמאלט ניט געענטפערט).

דער ענטפער האט ביי מיר ארויסגערופן גרויס התפעלות - דער רבי שליט"א, האב איך געזען, האט דורך מייך קורצן בריוו אויפגענומען אלע-אלע איינצלהייטן פון דעם ענין, אויך אזעלכע וואס כ'האב אין מייך בריוו ניט אנגעגעבן!

אין דעם ענטפער פון רבי'ן שליט"א איז צוו. אנד. געשטאנען, אז עס איז כדאי מען זאל געבן צען פראצענט פונעם אויסלייז-געלט אויף צדקה, "אבל לא על ידי" - אבער ניט דורך מיר, דורך דעם רבי'ן שליט"א.

צומארגנס אינדערפרי בין איך שוין געווען ביי דעם אידן אין אפיס. כ'האב אים איבערגעגעבן אלץ וואס כ'האב געשריבן און אים איבערגעגעבן דעם רבינ'ס ענטפער. האט דער איד מיר געזאגט, אז דעם רבינ'ס באדינג איז דאך געווען נאר ניט דורך דעם רבי'ן; דאס מיינט אבער ניט, אז ער קען עס ניט טאן דורך מיר. האבן מיר צוזאמען אויסגעארבעט א רשימה פאר פארשידענע צדקה-מוסדות אין לאנד און ארץ-ישראל און דער איד האט אויס-



געשריבן טשעקס פאר זיי אין דער סומע פון פינף-און-צוואנציק טויזנט דאלער.

דעם ערשטן רעזולטאט פון דעם רבינ'ס ענטפער, עצה און ברכה האט מען געזען באלד אויפן ארט, דער איד און זייך משפחה האבן זיך באלד בארואיקט. און דאס ניט געקוקט אויף דעם, וואס עס זיינען דאן אנגעקומען פארשידענע אנאנימע דראונגען און סטראשונקעס צו אנדערע מענטשן; האט מען געמיינט, אז מ'האט דא צו טאן מיט אן אינטערנאציאנאלער טעראר-באנדע, וואס איז פאר-בונדן מיט פ.ל.א. וכדומה. און היות, אז די משפחה פון דער געקידנעפטער טאכטער איז געווען פון די באוואוסטע און פראמינענטע פאמיליעס, איז זי געווען באהערשט פון נאכאנאנדיקער טויט-שרעק - און דעם רבינ'ס ענטפער האט עס ווי מיט דער האנט אראפגענומען.

און ענדלעך איז געקומען דער צווייטער גוטער אויסלאז-אקט פון דער פאסירונג: די פאליציי האט נאכדעם געפאקט די באנדע קידנעפער, זיי ארעסטירט און מ'האט זיי פאר'משפט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי האבן ניט געהאט קיין פארבונד מיט די פראפעסיאנעלע גענגסטער-באנדעס; ס'איז געווען א לאקאלע באנדע פון אמאטארישע קידנעפער.

עד-היום בין איך אונטערן שטארקן רושם פון דער וואונדערליכער השגחה-פרטית-"האנט" וואס האט געפירט אזוי, אז מייך זון זאל ניט זייך גרייט מיט דער אויטא, אז מ'זאל מיך ראפטום אזוי משונה'דיק ארעסטירן - אלץ בכדי איך זאל אנקומען "אויף 770" אין א מאמענט ווען דער רבי שליט"א זאל מיך באלד דערזען, זיך תיכף פארנעמען מיט דעם ענין און ברייינגען אן אויסלייזונג צום אידן, פאר וועלכן דער איד איז דאנקבאר ביזן היינטיקן טאג.

## די לאנדונג אין לבנון

די פאלגנדיקע מעשה האט דערציילט
החסיד ר' מאיר פלאטקין, פון מאנטרעאל
קאנאדע, און ווי ביי יעדער׳דא
פארצייכנטער דערציילונג איז אפגעהיט
געווארן די אינהאלטלעכע פינקטלעכקייט
פון דעם פארלעסלעכן דערציילער.

איך הארבסט פון יאר תשל"ד, באלד נאך דער יום-כיפור מלחמה, איז נאך געווען אומרואיק אין מיטל-מזרח. עס האבן זיך געפילט די נאכוויעניש פון דער מלחמה און זיינען דארט פאר-געקומען קעגנזייטיקע שיסערייען צווישן די אידן און די אראבער. י"ט כסלו יענעם יאר איז אויסגעפאלן דאנערשטיק און די גרויסע י"ט כסלו פארברענגעניש ביים רבי'ן שליט"א איז געווען דאנערשטיק אוונט. איך בין דאן געקומען קיין ברוקלין צום רבי'ן אויף י"ט כסלו און דארט פארבליבן ביז נאך שבת.

יענעם פרייטיק, ארום מיטאג-צייט, בין איך געווען אין מאנהעטן און כ'בין אריין אינעם אפיס פון מיינעם א באקאנטן ספרדישן יונגנמאן מיטן נאמען מנחם בן מ., א פארמעגלעכער געשעפטסמאן, א שומר תורה. זעענדיק אז ער איז אין אן אום-רואיקער שטימונג, פארזארגט, האב איך אים געפרעגט וואס איז די סיבה דערפון. האט מנחם מיר דערציילט, אז איבערמארגן, זונטיק, דארף ער אפפארן אין ווייטן מזרח, קיין טייוואן און די דערבייאיקע לענדער, צוליב געשעפטלעכע ענינים: איינצוקויפן דארט איידלשטיינער. פון דארט פארט ער קיין ארץ-ישראל צו באזוכן זיין מוטער אין ירושלים. דער לופט מארש-רוט פון טייוואן קיין ירושלים גייט אזוי, אז מ'דארף פליען אריבער די אראבישע לענדער (דוכט זיך, מיט אן אפשטעל-לאנדונג אין פאקיסטאן).

לויטן געוויינלעכן רייזע-פלאן דארף דער עראפלאן זיך ניט אפשטעלן אין די פיינטלעכע אראבישע מדינות; עס קען אבער פאסירן, אז צוליב געוויסע סיבות זאל ער מוזן דארט לאנדן - מאלע וואס עס געשעט אין וועג! - און דאס איז א געפערלעכע זאך, ווייל ער, מנחם, האט נאך ניט קיין אמעריקאנער בירגער-פאפירן און ער פארט מיט אן ארץ-ישראל'דיקן פאספארט. דעריבער איז ער אומרואיק.

איך האב אים געזאגט, אז ער מוז וועגן דעם שרייבן צום רבי'ן שליט"א און בעטן זיין ברכה אויף דער נסיעה.

- אבער וואו שרייבן, ווען שרייבן? - האט מנחם מיר געענטפערט - ס'איז שוין פרייטיק בייטאג און זונטיק אינדערפרי דארף ער זיך שוין לאזן אין וועג אריין! ווי אזוי קען ער עס באווייזן?



האב איך אים געזאגט, אז ער קען דאס יע באווייזן און ער דארף שוין איצט תיכף לאזן וויסן וועגן דעם צום רבי'ן שליט"א. מנחם האט געוואוסט וועגן דעם רבי'ן שליט"א און דער רבי האט אים געקענט. לסוף האט מנחם מיר געזאגט:

- אל ראיט, תסדר את זה בשבילי - ס'הייסט, ער האט מיך געבעטן איך זאל עס פאר אים איינארדענען די זאך און איבער-געבן דעם עניך צום רבי'ן שליט"א. כ'האב ניט גע'פטר'ט קיין צייט, זיך באלד פארבונדן טעלעפאניש מיט דער "מזכירות" (סעקרעטאריאט) פון רבי'ן שליט"א און געבעטן איינעם פון די דארטיקע מיטארבעטער (וואס האט אויך געוואוסט פון מנחם'ען), אז ער זאל פאר אים אנשרייבן א "צעטל" און באלד איבערגעבן צום רבי'ן שליט"א.

מיט א שעה-אנדערהאלבן שפעטער בין איך נאכאמאל אריין אין מנחם'ס אפיס. ער האט מיך באגעגנט מיט א שמייכל און געזאגט: "א, דו האסט עס שוין פאר מיר מסדר געווען..." ער האט שוין דורכן טעלעפאן באקומען אן ענטפער פון רבי'ן שליט"א אויף דעם "צעטל", און צוזאמען מיט דער ברכה האט דער רבי שליט"א אנגעזאגט אז ער, מנחם, זאל באלד בודק זיין די מזוזות.

- אבער צו וואס זאל איך בודק זיין די מזוזות? - האט זיך מנחם גע'חידוש'ט, און ער דערציילט מיר, אז ערשט מיט א קארגן יאר צוריק, האט ער געקויפט א גרויס הויז אין לאנג-איילענד און האט דארט "אנגעקלאפט" מזוזות, וואס א סופר האט פאר אים ספעציעל געשריבן. זיינען זיי דאך נייע כשר'ע מזוזות! צוליב וואס זיי בודק זיין נאכאמאל? און ווען? אז ס'איז שוין געבליבן א קורצע צייט ביז ליכט-בענטשן... וואו זאל ער קריגן איצט א סופר?

כ'האב אים געווארנט, אז דאס איז קיין הירוץ ניט; אז ער זאל ניט "שפילן" מיטן רבינ'ס ענטפער. קיין ארעמאן איז ער ניט - און פאר געלט, זאגט מען, קען מען אלץ באקומען. טא זאל ער מוצאי שבת קריגן א סופר, אים אריינברענגען צו זיך אין הויז און אים גוט באלוינען פאר דער ספעציעלער טרחא - פשוט, אים געבן מיט א הונדערטער אדער צוויי מער - און ער זאל באלד אויפן ארט בודק זיין אלע מזוזות פון זיין שטוב. און אויב ער וועט עס נישט - האב איך אים געזאגט, זאל ער נישט פארן!

- נו, דאס קומט מיר ארויס פון דעם וואס איך האב זיך מיט דיר "פארפירט" - האט מנחם א זאג געטאן כיט אן אנשטעל פון א פריינטלעכן פארדרוס.

- מאך זיך ניט נאריש! - האב איך אים געענטפערט - דו דארפסט זיין צופרידן וואס דו האסט אזוי גיך באקומען אן ענטפער פון רבי'ן שליט"א. דו האסט אים געשריבן וועגן דיין פראבלעם - זאלסטו טאן ווי ער האט דיר געזאגט... א גוטן שבת!
- און איך האב אוועקגעאיילט פון זיין אפיס.

* * *

דער אמת איז, אז דער דאזיקער "אינצידענט" מיט מנחם׳ען איז מיר דערנאך גאנץ גיך ארויס פון געדאנק, ווען כ׳בין נאך שבת צוריקגעפארן קיין מאנטרעאל. אויף יו"ד שבט (יום-ההילולא פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע) בין איך ווידער געפארן צום רבי׳ן, קיין ברוקלין. אויך דאס מאל בין איך געווען אין מאנהעטן און בין אריין אין מנחם׳ס אפיס, וואו עס זיינען געזעסן נאך א פאר ספרדישע אידן. אריינקומענדיק האב איך געהערט ווי ער זאגט צו זיי (אין לשון קודש): - אט איז ער, דער וואס האט מיך געראטעוועט; ניין, ריכטיקער, דער וואס איז געווען דער שליח צו ראטעווען מיך.

הערנדיק די ווערטער האב איך זיך דערמאנט וועגן דער אויבן-דערציילטער געשעעניש און כ׳האב אים געזאגט: אויב אזוי, איז לאמיך הערן וואס האט פאסירט.

האט מנחם דערציילט די גאנצע מעשה:

ער האט מיך דעמאלט געפאלגט און האט מוצאי-שבת צו זיך ארויסגערופן א סופר - טאקע יענעם סופר, וואס האט געשריבן פאר אים די נייע מזוזות פון זיין הויז. ער האט דעם סופר דערציילט, אז דאס איז זייער א דרינגענדיקע זאך, וויבאלד ער קען מארגן ניט פארן סיידן ער וועט אויספאלגן דעם רבינ׳ס אנזאג און בודק זיין די מזוזות. און האט אים דערביי צוגעזאגט זייער פיין צו באלוינען פאר זיין ארבעט.

דער סופר איז געקומען, און האט בודק געווען אלע מזוזות, און צו זיין אייגענער וואונדער און דערשיטערונג האט ער געפונען אן אמת׳ן פסול אין (איינער אדער צוויי) פון <u>זיינע</u> אליין-געשריבענע נייע מזוזות! (ער איז, אגב, באקאנט ווי א גוטער און פארזיכטיקער סופר). און ער האט טאקע באלד אויפן ארט פארביטן די פסולע מזוזות מיט נייע כשר׳ע מזוזות.

אויף מארגן, זונטיק, אינדערפרי, איז מנחם אפגעפלויגן קיין <u>ט</u>אילאנד. ער האט זיך דארט פארהאלטן א געוויסע צייט, דערליידיקט זיינע געשעפטלעכע ענינים און איז פון דארט אפ-געפלויגן אויף אן עראפלאן (פון אן אמעריקאנער קאמפאני) קיין ארץ-ישראל. דער אמת געזאגט - האט מנחם דערציילט - האט ער שוין פאראויסגעשפירט, אז עפעס וועט דא פאסירן - וויבאלד דער רבי האט אים געהייסן בודק זיין די מזוזות און בפרט נאך ווען ניט אלע מזוזות זיינען געווען כשר...

און - אזוי איז טאקע געשען: נאך א לענגערער צייט פון דער פלי-רייזע האט די עראפלאן-מאנשאפט פלוצים געלאזט וויסן דורכן הילכער, אז צוליב געוויסע טעכנישע פראבלעמען וועט דער עראפלאן מוזן מאכן אן "עמוירדזשענסי" (אן אויסערארדענטלעכע) לאנדונג אין בעירות (הויפטשטאט פון לבנון).

מנחם איז באלד אוועקגעלאפן צו די עראפלאן-פירער מיט געבעט און געוויין: האט רחמנות אויף מיר, אויף מיינע קליינע



קינדער! איך האב אן ארץ-ישראל׳דיקן פאספארט! איר פארשטייט דאך אליין, אז ביים לאנדן און קאנטראלירן די דאקומענטן דורך די אראבישע פאליציסטן, וועט מען מיך ארעסטירן און מי יודע צי כ׳וועל פון זיי ווען-ס׳איז ארויס א לעבעדיקער. האט רחמנות, זאל מען אויפזוכן אן אנדער ארט צו לאנדן - ניט אין בעירות...

די פירער פון עראפלאן האבן ארויסגעוויזן פארשטענדעניש פאר זיין סכנות׳דיקער לאגע און האבן צוגעזאגט צו פרואוון אויפזוכן אן אנדער לאנדונגס-פלאץ. זיי האבן אזוי געטאן און אים דערנאך מודיע געווען, אז זיי האבן אויסגעפונען נאך איין לופט-פעלד, וואו זיי קענען לאנדן - אין... דמשק, סיריע. פארשטייט זיך, אז פאר מנחמ׳ען איז דמשק געווען נאך מער געפערלעך ווי בעירות און ס׳איז בלית-ברירה באשלאסן געווארן אפצושטעלן זיך אין בעירות.

ביי א געוויינלעכער לאנדונג, ווי באוואוסט, גייען אלע פאסאזשירן ארויס פון עראפלאן, קומען אריין אין "טערמינאל"-זאל און דארט גייען זיי דורך אלע קאנטראלן אינעם "קאסטאמס"-אמט. אבער אין דעם פאל, וויבאלד דאס איז א ניט-פאראויסגע-זעענער אפשטעל פון אן עראפלאן וואס פליט קיין ארץ-ישראל, זיינען די אראבישע מאכט-אינסטאנצן באשטאנען אנצונעמען שטרענגע "פארזיכערונג"-מיטלען: די פאסאזשירן וועט ניט דערלויבט ווערן אראפצוגיין פון עראפלאן און די לבנון-פאליציי וועט ארויף אויפן עראפלאן און דארט אויפן ארט גוט בודק זיין און דורכשטערן אלץ און אלעמען. עס הייסט, אז זיי האבן מורא געהאט, טאמער שטעקט אין דעם עפעס א "טריק", א קונץ מצד ארץ-ישראל - אפשר זיינען אין עראפלאן ארץ-ישראל׳-דיקע "טעראריסטן" מיט געווער און אויפרייס-שטאף...

מנחמ׳ס לאגע איז שוין געווארן גאר ערנסט. די עראפלאן-מאנשאפט האט אים ארויסגעוויזן מיטלייד און געזוכט אן עצה ווי צו באשיצן אים פון דער געפאר. אבער אין עראפלאן איז ניט געווען מעגלעך צו געפינען א באהעלטעניש, וואו צו "פארשטעקן" אים. די אראבישע פאליציסטן וועלן זיכער דורכנישטערן איעדן ווינקל און אפטייל און לאך אין עראפלאן. עס איז אזוי ארום באשלאסן געווארן צו טאן דאס "בעסטע" אין די אומשטענדן: מנחם זאל זיך איינלייגן אויף צוויי זיץ-פלעצער, מ׳זאל אים איבער-דעקן מיט א קאלדרע - און אז מ׳וועט אים באמערקן זאל דאס הייסן - אז דא שלאפט א פאסאזשיר, איינער וואס פילט זיך ניט מיט אלעמען...

פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען זייער א שוואכע תרופה: אן אראבישער פאליציאנט וועט עס אזוי געוואלדיק נתפעל ווערן פון א שלאפנדיקן פאסאזשיר און אים לאזן ווייטער שלאפן! פארקערט, אזא "שלאפעניש" און "איבערדעקעניש" וועט דאך ביי אים ערשט ארויסרופן דעם גרויסן חשד... ס׳איז אבער ניט געווען קיין בעסערער אויסוועג. פארן לאנדן אין בעירות האט

זיך מנחם אוועקגעלייגט אויף די זיץ-פלעצער און מ'האט אים צוגעדעקט מיט א קאלדרע. אין דער זעלבער צייט האט דער פארבינדונגס-מאן פון עראפלאן-מאנשאפט געלאזט וויסן דורך דער לופט-פארבינדונג אין ארץ-ישראל, אז דא געפינט זיך א פאסאזשיר מיט אן ארץ-ישראל פאספארט און אז דער עראפלאן מאכט א געצוואונגענע לאנדונג אין בעירוט.

באלד ווי דער עראפלאן האט זיך אפגעשטעלט אויפן בעירוטער לופט-פעלד, איז די אראבישע פאליציי ארויף אויפן עראפלאן און דורכגעפירט א שטרענגן קאנטראל פון די פאסאזשירן או"ו. ביי מנחמ'ען האט דאס הארץ געצאפלט פון שרעק אונטער דער קאלדרע. עס האט זיך אים בפירוש ניט געשלאפן! אבער, פלאי-פלאים! די אראבישע פאליציי האט מנחמ'ען ניט געטשעפעט. ער האט ניט געוואוסט צי די אראבער האבן וועגן אים געפרעגט, אדער זיי האבן אים געזען - און אים ניט געוועקט, ניט אנגערירט!

מ'האט לכתחילה ניט געוואוסט וויפל צייט ס'וועט דויערן צו פאררירכטן דעם עראפלאן, אבער פאקטיש האט דער עראפלאן דארט געמוזט פארבלייבן ארום 24 שעה, ביז ער איז געווען גרייט צו פליען ווייטער. די גאנצע צייט איז מנחם אזוי געלעגן אויף די זיץ-פלעצער איבערגעדעקט מיט א קאלדרע. ער האט זיך ניט גערירט פון ארט אויף דעמאלט ווען ער האט געדארפט טאן די מענטשלעכע באדערפענישן... די גאנצע צייט, וואס דער עראפלאן איז געשטאנען אין בעירוט, האט זיך איגעווייניק אין עראפלאן געפונען אן אראבישער באוואפנטער וועכטער, וואס האט געהיט די פאסאזשירן, ער זאל דארט ניט אונטערנעמען קיין "קאנספיראטיווע מעשים"...

אזוי איז מנחם געלעגן ביז ער האט דערשפירט, אז דער עראפלאן האט שוין אנגעהויבן פליען און מען איז צו אים צוגעקומען און אנגעזאגט מיט פרייד, אז ער קען זיך "באפרייען" פון זיין "באדעקעניש". אן אויסגעמוטשעטער, א בלייכער און פאר'חלש'טער, אבער א גליקלעכער, איז מנחם אריין אין אפטריט-צימערל, זיך ווי עס איז אפגערייניקט און ארומגעוואשן. קיין ספעציעלע כשר'ע שפייז האט מען פאר אים דארט ניט צוגעשטעלט, אבער די מאנשאפט האט געזוכט אים צו באפרידיקן, ער איז שוין געווארן א גאנצער "מיוחס"! מען האט פאר אים געבראכט פרוכטן און ער האט איבערגעביסן און געטרונקען און געקומען א ביסל צו זיך.

ווי דערמאנט, האט די לופט-מאנשאפט שוין געהאט קאנטאקטירט דעם לופט-פעלד אין ארץ-ישראל, אז דא געפינט זיך א פאסאזשיר מיט אן ארץ-ישראל פאספארט. פליענדיק שוין פון בעירוט קיין ארץ-ישראל (דאס איז שוין געווען נאענט צו שבת) האט מנחם געבעטן מען זאל אים צוליב-טאן און געבן איין פריווילעגיע - און אזוי ווי ער איז שוין דא געווארן דער "העלד פון טאג" איז מען עס געווען גרייט פאר אים צו טאן. ער



האט געבעטן, אז מ'זאל אים איינשפארן די לאנגע ווארטעניש ביי די רייען דורכצוגיין דעם קאנטראל ביי די קאסטאם-באאמטע או"וו, בכדי ער זאל תיכף קענען נעמען אן אויטא און קומען באצייטנס גלייך קיין ירושלים צו זיין מוטער.

ווען דער עראפלאן האט געלאנדעט אויפן לוד לופט-פעלד, האט מען שוין דארט געוואוסט און געווארט אויף דעם וואונדער-לעך געראטעוועטן פארשוין מיטן ארץ-ישראל-פאס. ער האט שוין ניט געדארפט דורכגיין דעם אלגעמיינעם סדר פון פאסאזשירן-קאנטראל, ווייל א קאסטאם-באאמטער איז באלד ארויף אויפן עראפלאן ספעציעל פאר זיינטוועגן און דארט אויפן ארט דורכ-געפירט איינס-און-צוויי אלע פארמאליטעטן.

און אראפשטייגנדיק פון עראפלאן איז מנחם באלד אוועק-געפארן אין אן אויטא צו זיין מוטער אין ירושלים.

## א קאפיטל תהלים, א פרק משניות און א פרק תניא

די ווייטערדיקע סיפורים זיינען דערציילט געווארן פון איינעם פון די גאר חשובע חסידישע יונגעלייט אין קאנאדע, וואס וויל ניט אנגעבן זיין נאמען צוליב געוויסע טעמים. ס'איז מערקווירדיק, וואס ביידע געשיכטעס זיינען אין צוזאמענהאנג מיטן געבורט פון זיינע צוויי ערשטע זין לאוי"ט.

ס'איז געשען מיט ארום ניין יאר צוריק. מיין פרוי איז דעמאלט געווען אין "אנדערע אומשטענדן" (זי האט געשווענגערט) און האט זיך געפילט זייער ניט-גוט. זי איז שוין געווען אריין אין זיבעטן חודש און האט נאך אלץ געליטן גרויסע יסורים פון איבלענישן און ברעכענישן. זי האט ניט געקענט פארטראגן קיין שפייז - אויף אזוי ווייט, אז די פלעגט בוכשטעבלעך אוועק'חלש'ן נאכן עסן. איבערהויפט פלעגט עס פאסירן אין די אוונטן - ווי נאר זי האט עפעס איבערגעביסן, האט זי זיצנדיק ביים טיש דערפילט א שרעקלעכן איבל און אויפן ארט געפאלן אין חלשות. אזוי כמעט יעדן אוונט.

יענעם יאר איז מיין פאטער ע"ה געקומען צום רבי'ן שליט"א אויף די ימים-טובים פון חודש תשרי. זעענדיק דעם צער און די ליידן פון מיין פרוי איז ער געווארן אויסער זיך און האט שטארק איבערגעלעבט דערפון. איך אליין האב זיך שוין, איך א געוויסער מאס, "צוגעוואוינט" צום מצב, אזוי צו זאגן. אבער מיין פאטער ז"ל איז דערפון געווען זייער באזארגט.

ווען ער איז נאכן חודש תשרי אריין אויף "יחידות" צום רבי'ן שליט"א, האט דער פאטער איבערגעגעבן דעם רבי'ן וועגן דעם שווערן מצב פון מיין פרוי. דער רבי שליט"א האט געזאגט, אז עס וועט אלץ זיין "כשורה", אז ס'איז ניטא פון וואס צו זיין באזארגט. זי, מיין פרוי, וועט עס איבערקומען אין א מזל'דיקער שעה. מיין פאטער איז אבער נאך אלץ געווען צוטראגן, פאר'דאגה'ט, און דער רבי שליט"א האט געזאגט בערך אזוי, אז אויב מ'וויל דוקא עפעס טאן, טא זאל מיין פרוי אויס'חזר'ן אויף אויסנווייניק א קאפיטל תהלים, א פרק משניות און א פרק תניא. און דער רבי שליט"א האט צוגעגעבן: "תהלה לדוד" - "אשרי" - ווייס זי דאך מסתמא אויף אויסנווייניק; טא זאל זי צו דעם אויס'חזר'ן א פרק משניות און א פרק תניא; און ווידער האט דער רבי שליט"א בארואיקט, אז עס וועט זיין אלץ אויף א גוטן אופן און האט געגעבן זיין הייליקע ברכה.

ווען מיין פאטער איז געווען ביים רבי'ן אויף יחידות איך ברוקלין בין איך שוין געווען אין קאנאדע. האט מיין פאטער מיר איבערגעגעבן טעלעפאניש דעם רבינ'ס רייד, און,





פארשטייט זיך, געלאזט וויסן וועלכן אוונט ער איז געווען ביים רבי'ן שליט"א.

דער טאטע האט זיך אינגאנצן בארואיקט און מיר זיינען געווען גליקלעך-צופרידן פון דעם רבינ'ס שליט"א רייד און ברכות, וואס זייער ווירקונג מיר האבן מאמענטאל דערשפירט: פונקט אין יענעם אוונט, ווען מיין פאטער ז"ל איז אריין צום רבי'ן שליט"א, האט מיין פרוי געהאט א גוטן, רואיקן אוונט. זי האט שוין מער ניט גע'חלש'ט נאכן עסן - ניט אין יענעם אוונט און אויך ניט אין די אלע ווייטערדיקע טעג און נעכט.

אוודאי האט מיין פרוי אויסגעפירט דעם רבינ'ס שליט"א "הוראה" אויסצו'חזר'ן א פרק משניות און א פרק תניא. דאס האט אבער געדויערט א לענגערע צייט - נו, איז געווען זייער גוט צו פילן ווי די ברכה פון רבי'ן שליט"א האט "ניט געווארט" און געהאלפן תיכף-ומיד...

און דא קומט צו נאך א מערקווירדיקער פרט:

מיין פרוי האט אין משך פון די ווייטערדיקע וואכן גע'חזר'ט דעם פרק משניות און פרק תניא. איך אירע אומשטענדן, זייענדיק א פארנומענע בעל-הבית'טע, האט זי דאס אויסגע'חזר'ט אין פארלויף פון ארום צוויי און האלב חדשים. ביז ס'איז געקומען א טאג ווען ס'איז איר פארבליבן צו פארענדיקן אויס'-חזר'ן (ווי מיר געדענקט זיך) אייניקע שורות פון דעם פרק תניא. יענעם אוונט האט מיין פרוי זיך געגומען צו מסיים זיין די לעצטע שורות און פארן גיין שלאפן האב איך זי "פאהערט". אזוי ארום האט זי שוין געוואוסט אויסנווייניק אויך דעם פרק משניות און דעם פרק תניא.

ניט מער ווי א שעה האט געדויערט נאכדעם ווי מיר האבן זיך געלייגט שלאפן. די פרוי האט מיך אויפגעוועקט און געזאגט, אז זי האט באקומען ווייען און זי פילט, אז זי דארף גיין אין שפיטאל. איך יענער נאכט איז געבוירן געווארן אונזער ערשטער זונעלע, לאורך ימים ושנים טובות.

## ווען ס'פעלט א מזוזה...

א פאר יאר נאך דער פריער-דערציילטער געשעעניש איז מיין שווער נפטר געווארן - דערציילט ווידער דער חשוב'ער חסידישער יונגערמאן פון מאנטרעאל - מיין פרוי האט, זעלבסט פארשטענדלעך, שטארק איבערגעלעבט דעם טראגישן פארלוסט פון איר פאטער ע"ה, צו וועמען זי איז געווען זייער צוגעבונדן און באזונדערס געטריי.

ס'איז אבער דערביי צוגעקומען אן אומגעוויינלעכע פיינפולע דערשיינונג: זי האט אנגעהויבן זייער אפט חלומ'ען וועגן איר פאטער. די חלומות זיינען געווען שרעקלעכע, פול מיט קאשמאר זעאונגען, וועלכע האבן איר פארשאפט אנגסטן און פחד. דאס זיינען געווען אזעלכע משונה'דיקע חלומות מיט אזעלכע גרויליקע ציורים, אז מיין פרוי האט אפילו ניט געוואלט איבערדערציילן עפעס פון זייער קאשמארן אינהאלט.

עס זיינען פארביי וואכן נאך וואכן און די חלומות האבן ניט אויפגעהערט. מיין פרוי האט זייער געליטן דערפון. איר מצב איז געווארן שווערער ווען זי איז שפעטער אריין אין "אנדערע אומשטענדן". און וואס נאך ערגער: וואס ווייטער, אלץ אפטער האט זי געהאט די מאוים'דיקע חלומות. נאך עטלעכע חדשים איז עס געווארן כמעט ווי א "טעגלעכע" דערשיינונג; ס'הייסט, ריכטיקער: נאכט נאך נאכט די פלעגט זיך פון די חלומות איבער-וועקן אין מיטן נאכט-שלאף פול מיט אנגסט און אומגעהויערע פחדים. אזוי, אז דאס שלאפן-גיין איז פאר איר געווארן א ביטערע אפקומעניש, א מורא צו פארמאכן די אויגן צום שלאפן.

גאר א סאך מאל האבן מיר (איך און מיין פרוי) צווישן זיך גערעדט, אז דאס איז אן ערנסטע זאך און אז מ'האט וועגן דעם געדארפט שרייבן צום רבי'ן שליט"א און בעטן זיין ברכה דערויף. דעם אמת געזאגט, האב איך זיך אפגעהאלטן פון צו שרייבן צום רבי'ן שליט"א וועגן דעם. ס'איז מיר אויסגעקומען גאנץ "ניט באקוועם" צו פארנעמען דעם רבינ'ס טייערע צייט מיט אזעלכע ענינים ווי... חלומות - הגם זיי פארשאפן אזוי פיל צער.

אזוי זיינען אוועק נאך וואכן און חדשים. מיין פרוי איז שוין אריין אין די "העכערע מאנאטן" און די חלומות האבן איר ניט אויפגעהערט צו מוטשען. ארום דעם אכטן מאנאט איז מיין פרוי קראנק געווארן אויף א לונגען-אנצינדונג. דער אויבערשטער האט געהאלפן אז זי האט זיך אויסגעהיילט פון דער מחלה, אבער זי איז ארויס זייער אפגעשוואכט און א צייט געליטן פון ווייטיקן אין ברוסט-קאסטן. צוזאמען דערמיט האבן די קאשמארע חלומות זיך גענומען באוויזן, ווי געזאגט, יעדע נאכט, אזוי אז אירע ליידן זיינען געווארן ממש אומדערטרעגלעך. די האט פשוט געציטערט ווען ס'איז געקומען די צייט פון גיין שלאפן. און ניט נאר אין שלאף ביינאכט; אויך ביים כאפן א





דרעמל בייטאג האבן זיך גענומען וויזן די שרעקלעכע חלומות.

ביז ס'האט איין מאל פאסירט, אז מיין פרוי איז א פארנאכט געזעסן אין הויז, אויף דער סאפע, ס'איז געווען שוין גאנץ טונקל אין חדר, זי איז געווען וואך און פלוצים האט זי גענומען שרייען היסטעריש: כ'זע אים! פאר אירע אויגן האט זיך באוויזן די געשטאלט פון איר פאטער ע"ה! פון דער שוידערלעכער זעאונג אויף דער וואך איז מיין פרוי געווארן אזוי דערשראקן און אזוי פארביטערט, אז זי האט מיר געזאגט: עס קען אזוי מער ניט אנגיין... כ"קען שוין מער ניט אויסהאלטן - דו מוזט דאס איבערגעבן צום רבי'ן זאל געזונט זיין"!

ס'איז מיר דאן געווען שווער אוועקצופארן און איבערלאזן מיין פרוי אין די העכערע מאנאטן און אין אזא צושטאנד. כ'האב אבער באשלאסן צו פארן צום רבי'ן שליט"א און איבערגעבן וועגן דעם פיינלעכן ענין פון די חלומות. כ'בין געפארן צום רבי'ן אויף שבת וואס נאך שבועות (י"ב סיון תשל"ח). אינעם בריוו וואס איך האב יענעם פרייטיק אריינגעגעבן צום רבי'ן שליט"א, האב איך געשריבן וועגן די קאשמאר-חלומות וואס די פרוי זעט שוין איצט כמעט יעדער נאכט און אז דאס מאטערט איר זייער אויס; כ'האב דארט אויך געפרעגט ביים רבי'ן שליט"א, אפשר דארפן מיר עפעס טאן אין זכות פון איר פאטער ע"ה?

נאך שבת, זונטיק, איידער כ'בין צוריקגעפארן קיין קאנאדע, בין איך אריין אין "מזכירות" פון רבי'ן שליט"א, וואו מ'האט מיר געזאגט, אז ס'איז דא אן ענטפער פון רבי'ן שליט"א אויף מיין בריוו. געגעבן דעם לשון פון רבינ'ס ענטפער האב איך איצט ניט ביי דער האנט, אבער כ'געדענק גוט דעם אינהאלט און מער-ווייניקער אויך די ווערטער.

ס'איז דארט געשטאנען אזוי: "הוספה בנתינת צדקה לפני הדלקת נרות שבת ויו"ט לזכות (אדער לעילוי נשמת) אבי' - רק עד סיום שנת האבלות" - ס'הייסט: א הוספה אין געבן צדקה פאר ליכט-בענטשן שבת און יום טוב, נאר ביז'ן סוף פונעם אבלות-יאר (אין זכות אדער לעילוי נשמת) פון איר פאטער. און די ווערטער "רק עד סיום שנת האבלות" זיינען געווען אייניקע מאל אונטערגעשטראכן. און נאך האט דער רבי שליט"א צוגעשריבן: "בדיקת המזוזות ומקום הנחתן" - בודק זיין די מזוזות און אויך דעם ארט וואו זיי (די מזוזות) זיינען צוגעקלאפט.

ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, איידער כ'בין צוריקגעקומען אהיים, האב איך טעלעפאנירט צו מיין פרוי בכדי צו וויסן ווי זי פילט זיך און צו דערציילן וועגן דעם רבינ'ס ענטפער. מיין פרוי האט מיר מיט א צופרידן קול דערציילט, אז אין די לעצטע צוויי נעכט - שבת-נאכט און מוצאי-שבת - האט די געהאט א רואיקן שלאף, ניט געזען די ביינזע חלומות. גאר פשוט: דאס זיינען געווען די צוויי נעכט נאך מיין אריינגעבן דעם בריוו צום רבי'ן שליט"א. עס האט אונז, פארשטייט זיך, אויך שטארק

פארדראסן, פארוואס מיר האבן וועגן דעם נים געשריבן צום רבי'ן א סך פריער.

מיר האבן בודק געווען די מזוזות פון אלע טירן פון אונזער שטוב. זיי זיינען אלע געווען כשר, און מיר האבן זיי צוריק אנגעקלאפט אויף די געהעריקע ערטער. דא האט אבער פאסירט אן אויסטערלישע זאך: ווי נאר מיר האבן צוריק אנ- געקלאפט די מזוזות האט מיין פרוי ווידער אנגעהויבן ליידן יעדע נאכט פון די גרויזאמע חלומות - נאכדעם ווי זי איז איינציקע טעג געווען פריי פון זיי. מיר האבן באלד דערשפירט, אז כאטש די מזוזות זיינען כשר'ע, איז פארט עפעס "ארום זיי" נים אין ארדענונג. מיר האבן איבערגעטראכט וועגן דעם וואס דער רבי האט געשריבן, מ'זאל בודק זיין אויך די ערטער וואו די מזוזות זיינען אנגעקלאפט - איז אפשר דא א טיר, אן עפענונג (א "צורת הפתח") וואס דארף האבן א מזוזה, און ס'איז קיין מזוזה נימא? אבער, ניין. מיר האבן אומעטום אנגעקלאפט מזוזות אפילו אויף די טירן און עפענונגען, אויף וועלכע ס'איז א ספק צי זיי זיינען מחוייב צו האבן א מזוזה.

כ'האב געזוכט, געקוקט, באטראכט אלע מעגלעכע ערטער, וואס מ'קען פארטראכטן אז זיי דארפן האבן א מזוזה, ביז כ'האב זיך אפגעשטעלט ביי א זייטיקער טיר, וואס האט נים געהאט קיין מזוזה, ווייל ס'איז ביי מיר געווען קלאר אז זי איז פטור פון א מזוזה... דאס איז א טיר, וואס ווערט נים גענוצט, ווייל זי פירט צום "אייזערנעם לייטער" (פייער עסקעיפ). די דאזיקע טיר, ווי באוואוסט, איז באשטימט פאר א דרינגענדיקן מאמענט צו ראטעווען זיך פון א שריפה ר"ל. עד-היום ווייס איך נים פארוואס כ'בין געווען אזוי זיכער, אז ביים אנקלאפן די מזוזות האב איך מבדר געווען, אז די דאזיקע טיר איז געווים פטור פון א מזוזה. נו, איז ביי מיר איצט אריינגעפאלן א מחשבה: אפשר האב איך פארט א טעות געהאט?

בקיצור: נאכן נאכפרעגן ביי א רב האב איך טאקע אויס- געפונען, אז ס'איז פונקט פארקערט: ס'איז אפילו קיין ספק נים, נאר א זיכערע זאך אז די דאזיקע טיר איז מחוייב אין א מזוזה און מ'דארף אפילו מאכן דערויף א ברכה.

מיר האבן באלד געקויפט א נייע מזוזה און אנגעקלאפט אויף אט דער "זייטיקער" טיר (וואס איז שוין גארנים געווען אזוי זייטיק אין אונזערע איבערלעבונגען) - און פונקט א טאג נאכדעם האט מיין פרוי געבוירן אונזער צווייטן זונעלע, וואס טראגט טאקע איר פאטערס נאמען לאורך ימים ושנים טובות. צוזאמען דערמיט האט די פון זינט יענעם טאג אינגאנצן אויפ- געהערט זען די גרויליקע חלומות און אויך מער נים געליטן פון די אנדערע יסורים און ווייטיקן אין ברוסט-קאסטן - אלץ נאכדעם ווי מיר האבן אנגעקלאפט די מזוזה אויף דער פארזעענער טיר.

דערביי איז אויך דא כדאי צוצוגעבן נאך א פרט, וואס



ווייזט, אז אפילו אן אונטערשטריך פון דער פעדער פון רבי'ן שליט"א האט א גרויסן באדייט. פארוואס האט דער רבי שליט"א אזוי שטארק אונטערשטראכן (צוויי אדער דריי מאל), אז דער פרוי'ס הוספה אין געבן צדקה (פאר עילוי נשמת פון איר פאטער ע"ה) איז נאר בי'זן סוף פון אבילות-יאר (ארום צוויי חדשים)? שפעטער האב איך עס שוין גוט פארשטאנען:

וויבאלד אז איר הוספה אין געבן צדקה איז אין זכות פון איר טאטן ז"ל - אזוי האט דאך דער רבי שליט"א בפירוש געשריבן! - האט מיין פרוי געגומען "מוסיף" זיין פאר יעדן ליכט-בענטשן אזעלכע סומעס, וואס אויב אזא הוספה וואלט זיך געצויגן אויך ווייטער, איז מי יודע צי עס וואלט אין דרך הטבע עפעס געבליבן פאר דער מעגלעכער הוצאה...

## אן ענטפער אויף א בריוו און אן אונטערשריפט

דער דערציילער איז א יונגערמאן פון
די פיינע חסידים ותמימים אין מאנטרעאל,
וואס איז גוט באקאנט צווישן אנ"ש.
צוליב טעמים מובנים ווערן דא ניט
אנגעגעבן קיין נעמען.

מיין זיידע איז געקומען קיין אמעריקע אין די שפעטערע פופציקער יארן. ער איז געווען פון די עלטערע חסידים, ס'הייסט מער פון אמאליקן טיפ חסידים. ס'איז שוין דאן געווען נאענט צו צען יאר זינט דער רבי שליט"א איז געווארן דער נשיא פון חב"ד און דער זיידע האט שוין פון מיר און פון אנדערע גאר א סך געהערט וועגן דעם רבי'ן שליט"א – איז ער טאקע געווען א חסיד פון רבי'ן שליט"א, אבער נאך ניט אזוי איבערגעגעבן און צוגעקאכט ווי די יונגע חסידים.

אין יענער צייט איז מיין טאנטע, דעם זיידנס טאכטער, געווארן קראנק, און דאקטוירים האבן פעסטגעשטעלט, אז זי ליידט פון דער ביטערער מחלה ר"ל. די דאקטוירים האבן ניט באהאלטן פון איר דעם נאמען פון דער מחלה און מ'קען זיך פארשטעלן ווי די מומע און דער פעטער האבן זיך דערפילט דערהערנדיק אזא שרעקלעכע זאך. אויך דער זיידע האט זיך וועגן דעם דערוואוסט און ער איז געווארן אויפגעציטערט.

דער זיידע איז שוין דא אין ברוקלין געווען ארום א יאר צייט, אבער ווי מיר געדענקט זיך איז ער נאך ניט געווען אויף "יחידות" ביים רבי'ן שליט"א. מסתמא האט ער געפילט, אז ער איז נאך ניט געווען גרייט דערצו. וויבאלד אבער אז זיין טאכטער געפינט זיך אין אזא אומגליקלעכן געזונט-צושטאנד, מוז מען דאך וואס גיכער פועל זיין א ישועה און רפואה פון דעם אויבערשטן – און ער האט באשלאסן תיכף שרייבן דעם רבי'ן שליט"א ער זאל מעורר רחמים זיין אויף דער טאכטער.

בטבע איז דער זיידע געווען א גרויסער בעל-רגש, א מיט ברויזנדיקע געפילן, מיט התלהבות און התפעלות. איז ער פון דער טאכטערס מצב געווען אזוי צעשרויפט און צעטראגן, אז ער האט אויף דער גיך אנגעשריבן א בריוו צום רבי'ן – אז זיין טאכטער איז נעבעך שרעקלעך קראנק; אז די רופאים האבן געפונען ביי איר די מורא'דיקע מחלה און אז מ'דארף באלד מאכן אן אפעראציע... און דער זיידע שרייבט ווייטער אין בריוו זיינע בקשות ותחנונים, אז דער רבי שליט"א זאל געבן זיין ברכה פאר א רפואה שלימה צו זיין טאכטער – אבער דערביי האט ער פארפעלט איין "קלייניקייט": פון גרויס צעטראגנקייט האט ער "פארגעסן" צו אנגעבן די נעמען! ניט ער האט דערמאנט זיין אייגענעם נאמען, ניט דעם נאמען פון זיין טאכטער, פאר וועמען ער האט געבעטן די ברכה.





דער זיידע האט דעם בריוו איבערגעלאזט אין "מזכירות" (סעקרעטאריאט) פון רבי'ן שליט"א, אז מ'זאל עס באלד איבער-געבן.

אויף מארגן האט מען מודיע געווען דעם זיידן, אז ס'איז דא אן ענטפער אויף זיין בריוו. ווען דער זיידע איז אריין אין "מזכירות", האט מען דארט אים געוויזן דעם ענטפער פון רבי'ן שליט"א (ווי באוואוסט שרייבט דער רבי שליט"א דעם ענטפער כמעט תמיד אויפן צעטל פון דער געשריבענער בקשה אדער שאלה).

אין דעם ענטפער האט דער רבי שליט"א קלאר געזאגט, אז מ'דארף ניט קיין אפעראציע און אז דעם זיידנס טאכטער (מיין מומע) איז איבערהויפט ניט קיין קראנק אויף דער מחלה; ס'איז ביי איר ניט קיין ערנסטע זאך און זי וועט זיין געזונט.

און דערביי האט דער מענטש פון "מזכירות" אויסגערעדט דעם זיידן: ווי קומט עס ער זאל טאן אזא זאך – שרייבן א בריוו צום רבי'ן שליט"א וועגן אזא גאר ערנסטן ענין, און ניט אנגעבן אין בריוו דעם נאמען ווער עס שרייבט און ניט פאר וועמען מען שרייבט און מען בעט? דער מענטש פון "מזכירות" האט דעם זיידן געוויזן דעם בריוו, וואו עס ווערט ניט דערמאנט קיין שום נאמען, און ער האט צוגעגעבן, אז דער רבי שליט"א האט ביים ארויסגעבן דעם בריוו מיטן ענטפער אים אנגעזאגט צו וועמען ער זאל דאס איבערגעבן...

– ווי מען זאל ניט זיין צעטראגן און פארטראגן, מוז מען האבן א ביסל געהעריקן ישוב-הדעת ביים שרייבן צום רבי'ן שליט"א!

דעם רבינ'ס שליט"א ברכה און ענטפער וועגן מיין מומע האט מחי' געווען די משפחה. ס'איז געווען פונקט ווי דער רבי שליט"א האט געשריבן: די מומע האט קיין אפעראציע ניט געדארפט, ווייל די דאקטוירים האבן שוין ביי איר גארניט געפונען, קיין שפור ניט געווען פון דער אזוי-געפערלעכער מחלה, וואס די דאקטוירים האבן פריער מיט אזא זיכערקייט פעסטגעשטעלט. עס זיינען שוין ב"ה פארביי איבער צוואנציק יאר און די מומע איז ב"ה געזונט לאורך ימים ושנים טובות.

פארשטייט זיך, אז דאס האט אויפן זיידן געמאכט א געוואלדיקן רושם און איז א לאנגע צייט געווען ממש "אויסער זיך" פון התלהבות פון דעם דאפלטן מופת און וואונדער איבער וואונדער:

אויסער דער נסימ'דיקער ישועה, וואס דער רבי שליט"א האט מיט זיינע "געציילטע ווערטער" צונישט געמאכט די מסוכנ'דיקע קרענק וואס די דאקטוירים האבן אנטדעקט – האט אויך דער רבי שליט"א פלאי-פלאימ'דיק "אנטדעקט" ווער עס דארף האבן די גרויסע ישועה און צו וועמען מען דארף דאס איבערגעבן...

## דער אנטלאפענער האט זיך אפגעזוכט

מיט אומגעפער א יאר איין-און-צוואנציק צוריק האט א יונגערמאן אין ברוקלין געווארפן אן אומחן אויף זיין יונגער פרוי, א קורצע צייט נאך זייער חתונה. דער דאזיקער יונגערמאן איז געווען נאענט צום ליובאוויטשער קרייז און איז געקומען מיט טענות און באשולדיקונגען קעגן זיין פרוי צום ליובאוויטשער רב הרז"ש דווארקין. דער יונגערמאן האט באשולדיקט זיין פרוי אין אזעלכע גרויליקע און משונה'דיק-פאנטאסטישע זאכן, אזש ביים רב האבן זיך די "האר געשטעלט" צוהערנדיק וועגן אזעלכע "מעשים תעתועים". אלע באקאנטע פון דעם פאר-פאלק האבן אבער געוואוסט, און יעדער איינער האט קלאר געזען, אז די שטילע דערשראקענע פרוי איז אזוי ווייט פון אזעלכע מעשים ווי מזרח פון מערב. אבער סיי-ווי, דער רב האט זיך נעענטער באקאנט מיט דעם סכסוך צווישן מאן און ווייב, און נאך א חקירה ודרישה אויסגעפונען, אז די באשולדיקונגען שטאמען פון דעם יונגנמאנ'ס ווילדע פאנטאזיע און צערייצטע געפילן צו זיין פרוי, וועלכע איז שוין דאן געווען אין "אנדערע אומשטענדן".

פארשטייט זיך, אז הרב דווארקין האט אים געפרואווט בארואיקן און אים געבן צו פארשטיין, אז די באשולדיקונגען קעגן זיין פרוי האבן ניט קיין גרונט. דער יונגערמאן, וואס איז בכלל געווען א שטילער מענטש, איז אבער געווען אן עקשן, און מיט א פרימיטיוון כאראקטער. ניט ווי געוויינלעך, האט ער גענומען שרייען, בייזערן זיך און האט נאר געוואלט, אז דער רב און אנדערע רבנים זאלן אים געבן גערעכט, אזוי אז ער זאל פון איר באלד פטור ווערן.

דער יונגערמאן האט אזוי געטומלט וואכן לאנג. און אז ער האט דערזען אז "מען" איז קעגן אים און אז "מען" וועט ניט אזוי לייכט נאכגעבן זיין פארלאנג - איז ער אין א געוויסן טאג פארשוואונדן, ווי אין וואסער אריין. קיינער פון זיין משפחה און באקאנטע האבן ניט געוואוסט, וואוהין ער האט זיך אפגעטראגן. זיין פרוי'ס מוטער איז פון הארץ-ווייטיק קראנק געווארן און אין א קורצער צייט ארום איז זי אוועק פון דער וועלט. אויך איר פאטער איז געווארן אויסער זיך פון צער און אנגעהויבן קרענקען. די שוואנגערע פרוי, אין א ביטערן מצב, וואס איז שוין געווען אין די "העכערע חדשים", איז געבליבן אן עגונה.

הרב דווארקין האט זיך פיל אפגעגעבן מיט העלפן דער פרוי סיי מאראליש און סיי מאטעריעל. דער קראנקער צעבראכענער פאטער האט זיך גענומען בעטן ביים רב, מ'זאל טאן וואס מ'קען צו געפינען דעם פארשוואונדענעם "תכשיט", בכדי ער זאל געבן א גט זיין פרוי. אבער גיי זוך א "נאדל אין א וואגן שטרוי"! דער רב האט גענומען זוכן, פארשן, נאכפרעגן זיך ביי אורחים





פון שטעט און מדינות; ער האט צעשיקט בריוו צו רבנים פון שטעט וואו מ'האט געקענט דערווארטן אז ער האט דארט אנטלאפן - אבער אן רעזולטאטן.

סוף-כל-סוף האט זיך דער רב דערוואוסט פון אן איירָאפּעאישן אידן, א חב"ד-חסיד, אז דער יונגערמאן "דארף" זיך געפינען אין ארץ-ישראל. אבער וואו - האט ער ניט געהאט קיין שום אנונג. האט דער רב זיך פארבונדן מיט דעם פירער פון רעליגיע-מיניסטעריום, זרח ווארהאפטיק, ווי אויך מיט דער "רבנות הראשית" פון ארץ-ישראל און מיט נאך קהל'שע צענטראלע אינסטאנצן פון ארץ-ישראל. ער האט פאר זיי געשלידערט די ביטערע טראגעדיע פון דער אומגליקלעכער עגונה. די רבנות הראשית האט זיך טאקע ארייגעלייגט אין דעם ענין מיט לייב-און-לעבן. זי האט דורך אלע אירע וועגן און קאנטאקטן געזוכט, גענישטערט און אויך גענומען צו הילף אנדערע אידישע ארגאניזאציעס אין הייליקן לאנד. נאך א לענגערער ענערגישער אקציע האט די רבנות הראשית געלאזט וויסן דעם ברוקלינער רב, אז אלע אירע באמיאונגען ביז דאן זיינען געווען אומזיסט. די איינציקע זאך, וואס זי האט אויפגעטאן איז געווען, אז אויב דער יונגערמאן געפינט זיך אין ארץ-ישראל, וועט ער פון דארט ניט קענען ארויספארן - ניט מיט א שיף און ניט מיטן לופט-וועג. די רבנות הראשית האט דורכגעפירט, אז זיין נאמען זאל זיין פארצייכנט בא יעדן פארט, ווי איינער וואס ווערט שטארק געזוכט און וועלכן מ'טאר ניט לאזן ארויספארן.

דער דערמאנטער מיניסטער ווארהאפטיק האט מודיע געווען הרב דווארקינ'ען, אז בלית-ברירה איז פאראן נאך אן עצה: צו פארעפנטלעכן אין אלע צייטונגען פון ארץ-ישראל, אז מען זוכט אזא פערזאן; אבער דאס געזעץ פאדערט, אז מען זאל דערויף האבן די הסכמה פון זיין ווייב. האט הרב דווארקין וועגן דעם אנגע-פרעגט ביים רבי'ן שליט"א. דער ענטפער פון רבי'ן שליט"א איז געווען, אז מען זאל זיך ווענדן צו די רבנים פון.. כפר חב"ד.

דעם רבינ'ס ענטפער האט ארויסגערופן גרויס חידוש ביים רב און בא די איבעריקע רבנים און עסקנים, וואס האבן זיך דערמיט פארנומען. ערשטנס, האט דער אנטלאפענער יונגערמאן נאך פון פריער אויסגעמיטן יעדן באריר מיט חב"ד-אידן, געוויכט פשוט פון יעדן חב"ד-ווינקל. ער איז געווען מלא-כעס אויף גאנץ חב"ד. צווייטנס, האט שוין די רבנות הראשית, מיט אירע ברייטע מעגלעכקייט, געטאן אזויפיל צו געפינען א שפור פון דעם נפש - און גארניט. טא וואס קענען אויפטאן די פאר רבנים פון כפר חב"ד? דער הויפט-רב פון כפר חב"ד, הרב שניאור גארעליק ע"ה, איז שוין געווען דאן א גאר טיפער זקן. וואס קענען זיי שוין דערגרייכן?

א יונגערמאן, א תושב פון כפר חב"ד ח. ר., וואס האט געהאט א רעסטאראן אין תל-אביב, האט גייענדיק אויף א גאס פון תל-אביב אנגעטראפן א יונגנמאן, וואס זיין פנים איז אים

געווען באקאנט פון די יונגע בחור'שע יארן. ה. ר. האט זיך געגעבן א שטעל-אפ און אויך דער אנגעטראפענער יונגערמאן האט זיך אפגעשטעלט. זיי האבן זיך ביידע אנגעקוקט שוויגנדיקע מיט נייגעריקע אויגן. ה. ר. האט דאס הארץ פארקוועטשט פונעם יונגנמאנס אויסזען; פון זיין הילוך: אפגעריסן, אפגעשליסן, א בארוועסער, איז דער יונגערמאן געשטאנען מיט א פאר'חושכ'טן פנים, פון זיינע אויגן האבן ארויסגעקוקט געפאלנקייט און הונגער. ה. ר. האט ענדלעך אויסגערופן: דו ביסט דאך... (און אנגערופן זיין נאמען). יענער האט א וויילע שוויגנדיק געשוויגן און נאכדעם צוגעשאקלט מיטן קאפ - יע. זיי האבן זיך דערקענט פון די אמאליקע אינגלשע יארן אין אייראפע.

- דו מוזט מיט מיר אריינגיין אין רעסטאראן נעמען עפעס אין מויל אריין - האט ה. ר. מיט א פעסטן טאן געזאגט צום יונגנמאן. יענער האט ניט געוואלט הערן דערפון, אבער ה. ר. האט אים ניט אפגעלאזן (און ה. ר. קען גוט די ארבעט) ביז ער האט דעם יונגנמאן אריינגעשלעפט אין א גלאט-כשר'ן רעסטאראן. דער אפגעריסענער יונגערמאן איז טאקע געווען שטארק הונגעריק און די געשמאקע סעודה, וואס ה. ר. האט פאר אים באשטעלט, האט אים ממש מחי' געווען און "באפרייט" די צונג, וואס ער האט געהאלטן פארשלאסן צווישן די ציינער און בלויז געמורקעט געציילטע ווערטער.

בקיצור, דער יונגערמאן האט דערציילט זיינע איבער-לעבענישן און צרות - ווי אזוי ער איז אין ברוקלין אריינ-געפאלן מיט א שידוך; אז דאס ווייב איז א שלאק, און אויסווארף און ווי אזוי די ברוקלינער רבנים האבן געמאכט "יד אחת" מיט זיין "ארורה" - און אנשטאט העלפן אים, האבן זיי אים גע'רודפ'ט, פארטריבן און ער איז געקומען אהער, אין ארץ-ישראל.

דא איז ער אין אנהויב אריין ווי א מיטגליד אין א קיבוץ. ער האט זיך אבער דארטן ניט געקענט איינלעבן און האט פארלאזן דעם קיבוץ. האט ער זיך דערנאך געוואלגערט, געוואגלט געליטן נויט און הונגער ביז ער האט זיך פארבונדן מיט עפעס א פארדעכטיקטער ארגאניזאציע, וואס האט אים צוגעזאגט איבער-צופירן אין א דרום-אמעריקאנער לאנד. אבער ווידער איז געשען אן אומגליק: ווי נאר די באאמטע אין לופט-פארט האבן דערזען זיין נאמען אויפן פאספארט, האט מען אים ניט געלאזט פארן און אפילו געוואלט אים פארהאלטן... וואנדערט ער ארום פון דעמאלט אן א ציל, אן א שטיקל אייגן ווינקל...

ה. ר. האט אויסגעהערט מיט טיפן מיטלייד אלץ וואס דער יונגערמאן האט דערציילט און האט דערנאך גענומען איינ'טענה'ן אז דער יונגערמאן זאל מיט אים מיטפארן אין כפר חב"ד.

- דארט וועסטו געהאלפן ווערן. מיר וועלן אריינגיין צום רב פון כפר חב"ד און ער וועט שוין מאכן א טאלק. ער איז



א גרויסער רב און א קלוגער און פירט אויס אלץ וואס מ'דארף. קום, שוין! טאקע שוין!

דער יונגערמאן איז לכתחילה אפגעשפרונגען, ווי מ'וואלט אים א ביס געטאן. "אין כפר חב"ד? בשום-אופן ניט! ניין. ניין, מער פעלט מיר נים!" אבער ה. ר. האט ווידער אויסגעפירט זיינס. ער האט אזויפיל מיט יענעם גערעדט (און אויף דעם איז ה. ר. א ברי'), ביז דער יונגערמאן איז מיט אים געפארן קיין כפר חב"ד.

---------- * ----------

דער ענטפער פון רבי'ן שליט"א צו הרב דווארקין וועגן דער עגונה, אז ער זאל זיך פארבינדן מיט די רבנים פון כפר חב"ד, האט אויפגעטאן נאך בעסער און שנעלער ווי מען האט דערוואַרט. נאך איידער דער רב האט זיך געווענדעט צו די רבנים פון כפר חב"ד, האט ער באקומען א בריוו פון כפר-חב"ד'ער הויפט-רב, הרב גארעליק. אין דעם בריוו האט גאר הרב גארעליק "געמאנט" פון די חב"ד-רבנים אין ברוקלין, פארוואס מען האט דעם און דעם יונגערמאן באהאנדלט ניט ווי געהעריק; און אז מען דארף אויסגלעטן דעם ענין, באפרידיקן דעם יונגערמאן פאר די עוולות קעגן אים און דורכפירן אז דעם יונגנמאנ'ס פרוי זאל נעמען א גט.

פרטים פון די ווייטערדיקע אנטוויקלונגען זיינען דא ניט נוגע. הרב דווארקין האט פאר דעם כפר-חב"ד'ער רב אויפ-געוויקלט די גאנצע טרויעריקע פרשה, ווי זי איז פארגעקומען מיט אלע פרטים און צוזאמען האבן זיי איינגעארדנט, אז דער יונגערמאן זאל שיקן א גט צו זיין ווייב.

- אין די יארן פון מיין ארבעט דא, ארום דעם רבי'ן שליט"א האב איך א סך מאל געזען מופתים פון רבי'ן, אבער יענער בריוו פון רבי'ן איז פון די אפנסטע מופתים - פלעגט הרב דווארקין צוגעבן ביים דערציילן די מעשה, וואס ווערט דא פארצייכנט.

דער דערציילער פון דעם סיפור איז הרב נחמן סודאק (איידעם פון באוואוסטן חסיד הרב ר׳ בן-ציון שם-טוב ז"ל, געוועזענער בא-כח פון רבי׳ן שליט"א אין ענגלאנד, זיין געטרייער שד"ר און שליח-"סאלדאט" בידן לעצטן אטעם-צוג). הרב סודאק איז דער יארן-לאנגער שליח פון רבי׳ן שליט"א אין לאנדאן און מנהל פון די פארצווייגטע חב"ד-מוסדות און טעטיקייטן אין דער בריטישער הויפט-שטאט. וויסנדיק ווי פינקטלעך און אויסגערעכנט ס׳איז הרב סודאק אין זיינע ווערטער, האבן מיר זיך באמיט צו אויפהיטן דעם גענויען אינהאלט און אפילו מער-ווייניקער די שפראך פון זיין דערציילונג, אזוי אז יעדער דעטאל פון דער געשיכטע איז הונדערט-פראצענטיק אויטענטיש און ריכטיק – און מיר גיבן עס איבער טאקע אין דעם אופן ווי הרב סודאק איז דער דערציילער.

דאס האט פאסירט אין לאנדאן מיט אריבער צוואנציק יאר צוריק – אין יאר תשכ"ב. אין דער ענגלישער הויפט-שטאט האט דעמאלט געוואוינט איינער פון די חשוב׳ע מאדערן-ארטאדאקסישע רבנים – הרב קאפל ראזען. ער איז געווען אנגעזען אין די ברייטע אידישע קרייזן אין לאנד און אויך אויסער די גרענעצן פון דער מדינה און גוט באקאנט ווי א באגאבטער רעדנער, פעאיקער עסקן און ער האט אנגעפירט מיט א מאדערן-רעליגיעזער שולע מיטן נאמען "כרמל-קאלעדזש", וואס עקזיסטירט נאך עד היום.

אין יענע יארן האט אין לאנדאן אויך געלעבט דער באוואוסטער חב"ד-חסיד און עסקן הרב ר׳ בן-ציון שם-טוב ז"ל. אין א מיטוואך-אוונט פון יענעם סוף-ווינטער איז אין הויז פון הרב שם-טוב געקומען א טעלעפאן-רוף פון הרב ראזען: ער וויל ריידן און זיך טרעפן מיט הרב שם-טוב. האב איך אים געענטפערט, אז הרב שם-טוב איז איצט ניט אין דער היים, ער געפינט זיך איצט אין סענדערלאנד און וועט אהיימקומען אויף שבת. נאר אויב ס׳איז א וויכטיקע זאך, וועל איך אפרופן הרב שם-טוב אין סענדערלאנד און ער וועט פון דארט זיך פארבינדן טעלעפאניש מיט הרב ראזען. ניין, ס׳איז ניט אזוי דרינגענדיק – האט הרב ראזען צוריקגעענטפערט – ער קען ווארטן.

דאנערשטיק ביינאכט איז הרב שם-טוב אהיימגעקומען קיין לאנדאן. אן שהיות האבן מיר מודיע געווען הרב ראזען, אז הרב





שם-טוב איז שוין צוריקגעקומען און איז גרייט מיט אים צו ריידן. הרב ראזען האט אויסגעדריקט זיין ווּאונטש צו טרעפן זיך פערזענלעך מיט הרב שם-טוב און מיט מיר; עס מוז אבער ניט זיין ממש באלד, און ס׳איז באשטימט געווארן די באגעגעניש אויף נאך שבת, זונטיק, אין הויז פון הרב ראזען. אבער אזוי ווי ער וואוינט אין א לאנדאנער פארשטאט, "כרמל-ווילעדזש" – א נסיעה פון ארום צוויי שעה – וועט הרב ראזען אראנזשירן, אז זיינער א ידיד און חבר, הרב ספעקטאר, וועט צו אונז פארפארן מיט זיין אויטא און מיר וועלן מיט אים מיט-פארן צום וואוינארט פון הרב ראזען.

פארוואס האט הרב ראזען געוואלט, אז מיר זאלן קומען צו – און ניט פארקערט? – אוודאי וואלט ער עס איינגעארדנט אנדערש ביי נארמאלע אומשטענדן. ליידער האט ער נעבעך אנדערש דאן ניט געקענט. און די סיבה איז געווען זייער א טרויעריקע:

ביים הערן הרב ראזענ׳ס געלאסענע רייד און רואיקן טאן, וואלט מען ניט געקענט חושד זיין, אז דאס רעדט א מאן וואס איז שוין מעדיציניש געווארן פאראורטיילט צום... ר"ל. הרב ראזען האט זיך דאן געפונען אין סאמע ביטערסטן געראנגל מיט דער טויטלעכער בלוט-מחלה ר"ל – "לוקעמיע". די דאקטוירים האבן שוין געהאט באצייכנט זיין צושטאנד ווי האפענונגסלאז און אים "געגעבן" וויי ניקע מאנאטן. אלץ וואס מ׳האט געקענט טאן איז געווען – צו פארלענגערן זיין לעבן דורך וועכנטלעכע בלוט-טראנספוזיעס (פון איבער א "פאינט").

אין יענע טעג האט אים די ביטערע קרענק געהאט אפגעשוואכט אזוי, אז ער האט זיך קוים געקענט באוועגן אויף זיינע פיס. ביים דורכשפרייזן די הויז-חדרים האט ער זיך געמוזט אנשפארן אויף די ווענט, זיך אנלענען אויף א שטול, אויף א שטעקל און דאס גלייכן.

ווען מיר זיינען, זונטיק, געקומען אין הויז פון הרב ראזען, האט ער אונז צום אלעם ערשטן געבעטן אויסהערן א געשיכטע, א מערקווירדיקע געשיכטע:

מיט יארן צוריק (פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה) איז אין לאנדאן געווען אויף א באזוך ר׳ יצחק הורוויץ (דער גרויסער און דערהויבענער חסיד און שד"ר פון רבי׳ן נ"ע, באוואוסט ווי "ר׳ איטשע דער מתמיד"). דער חשוב׳ער גאסט האט אים, הרב ראזענ׳ען, געגעבן במתנה דעם ספר תניא. אזוי ווי ער, הרב ראזען, איז געווען א איד פון א "מער מאדערנעם נוסח", דערצויגן אין דער מירער ישיבה און היפש ווייט פון דער חסידות-וועלט, האט ער אינעם ספר תניא קיינמאל ניט אריינ-געקוקט. אזוי איז דער תניא די גאנצע צייט געשטאנען אומ-באריהרט, ביז דא לעצטנס ווען ער האט באמערקט דעם ספר און א טראכט געטאן: וויבאלד אז ער האלט שוין איצט ביים געזעגענען זיך מיט דער וועלט... איז ווי קומט עס, אז האבנדיק ביי זיך אין ספרים-שאנק א ספר, וואס עס האט אים געגעבן אזא חשוב׳ער

איד – און ער זאל איך דעם ניט האבן אריינגעקוקט ביז איצט, ביז ס'קען שוין זיין צו שפעט?

האט הרב ראזען גענומען דעם תניא און האט דורכגעלערנט אין אים דעם ערשטן פרק. און מאדנע: ביים לערנען האט דערפילט, אז עס קומען אים צו פרישע קרעפטן – אזוי ווי ער וואלט איצט געהאט באקומען א בלוט-טראנספוזיע. אבער וואס באדייט עס? ווארשיינלעך איז עס בלויז א דמיון אזא, א דוכטעניש – האט ער ביי זיך געטראכט. האט ער זיך אליין גענומען אויספרואוון, געשטעלט עטלעכע טריט און האט זיך איבערצייגט, אז – יא, ס'איז אים א סך לייכטער! ער קען זיך באוועגן ניט אנגעשפארטעהייט! ס'איז ניט קיין דוכטעניש! דער פרק תניא האט אין אים אריינגעגעבן א פרישן כח, אריינגעגעבן א ניי לעבן!

אויב אזוי, האט אים גענומען עגבערן א פארדרוס, פארוואס האט ער כל ימיו זיך געהאלטן אזוי ווייט און פרעמד פון דער שיטה פון חסידות חב"ד? צו דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען צופרידן וואס ענדלעך, לסוף ימיו, האט ער דאך זוכה געווען צו דערזען דאס אמת'ע ליכט פון תורת החסידות.

און ביים לערנען דעם צווייטן פרק פון תניא האט ער דערשפירט נאך א גרעסערן צושטראם פון קרעפטיקייט, ווי ער וואלט פלוצים געווארן אן אנדער מענטש! איז ער פשוט געווען דערשטוינט, קוים געקענט גלויבן זיך אליין, אז דאס איז אווירקלעכקייט. האט ער זיך ניט געפוילט און אנגעשטעלט א געזאנג-רעקארד און צום קלאנג פון דער נגינה זיך אוועקגעלאזט אין א... ריקוד. יא, ער טאנצט! ער איז בכח אפילו צו טאנצן! האט ער א רוף געטאן זיין ווייב, אז אויך זי זאל מיטטאנצן. אמת, זי האט אים אנגעקוקט מיט איבערראשונג, מיט פאר'חידוש'טע און דערשראקענע בליקן, געמיינט אז אין זיין אומגליקלעכן צושטאנד איז ער ר"ל אראפ פון זינען. זי האט אים אבער נאכגעגעבן און מיטגעטאנצט. אזוי ארום איז שוין ביי אים אינגאנצן קלאר געווארן, אז דאס לערנען תניא פארמאגט די וואונדערלעכע גייסטיקע ווירקונג צו אפפרישן און שטארקן די פארשמאכטע פיזישע כוחות. קען שוין זיין עפעס א צווייפל אין דעם היילקן אמת פון חסידות חב"ד, פון דרך החסידות?!

פונדעסטוועגן – דערציילט ווייטער הרב ראזען – האט ער נאכגעטראכט און באשלאסן אויסצוגעפינען נאך עפעס. אוודאי זעט ער דעם אמת'ן הימל-ליכט פון ספר תניא, פונעם קוואל פון חסידות חב"ד. ער וויל אבער אויך דערגיין, צי די שיטה און דרך החסידות פון תניא האט איר לעבעדיקן און עכטן המשך איצט; צי אויך אין די היינטיקע טעג עקזיסטירן די אלע גוטע זאכן און דערהויבענע דרכים, וואס קומען צום אויסדרוק אין ספר תניא. טא וועט ער עס אויספרואוון דורך אזא מין פראבע-פארגלייך: ער וועט אפרופן טעלעפאניש אי זיינע נאענטע חברים פון זיין קרייז און אי די מענטשן פון חב"ד און זען ווי עס וועלן דערויף רעאגירן זיינע חברים און ווי וועט זיין די



רעאקציע פון ליובאוויטש. און הרב ראזען דערציילט ווייטער:

ער האט זיך פארבונדן דורכן טעלעפאן מיט א נאענטן פריינט פון מתנגדישן קרייז און אים געזאגט, אז היות ער שטייט שוין אויף דער שוועל פון זיין לעבנס-וועג, וויל ער זיך טרעפן מיט זיין חבר, זיך דורכרעדן מיט אים וויכטיקע ענינים און מאכן צוזאמען דעם געהעריקן חשבון-הנפש או"וו. אבער דער חבר האט זיך מיט פארשידענע תירוצים ארויסגעדרייט דערפון – ער איז פונקט זייער פארנומען, פארדרייט... האט הרב ראזען טעלעפאנירט א צווייטן – און אויך יענער האט ניט געקענט נאכקומען זיין בקשה. האט ער אפגערופן א דריטן פון זיינע ידידים מיט דער זעלבער בקשה און נאך צוגעגעבן, אז ער וויל דורך אים געבן געלט פאר א מוסד. אבער אויך דער דריטער האט געפונען א וועג ווי אזוי דאס אפצוזאגן. קיינער פון "זיינע" איז ניט געקומען! האט ער דערפילט, אז זיי אלע באטראכטן אים שוין ווי אן "ארי מת", ווי איינעם וואס געהערט שוין צו דער פארגאנגענהייט. אין די פריערדיקע גוטע צייטן האט מען זיך מיט אים געצאצקעט, ארומגעטאנצט ארום אים; אבער איצט, וויבאלד ער האלט שוין גאר שמאל, מיידט מען אים אויס, מ'איגנארירט אים.

נאך זיי איז געקומען די ריי צו זען ווי וועט ליובאוויטש זיך אפרופן. – און ער האט "געקלונגען" צו הרב שם טוב. און דא איז עס געווען פונקט פארקערט: פריער האט ער מיט ליובאוויטש ניט געהאט קיין מגע-ומשא, פאקטיש ניט געוואלט האבן צו טאן מיט חב"ד-מענטשן און ליובאוויטש-מוסדות; און ווען ער האט נאכדעם געזען, אז טראץ דעם זיינען די מענטשן פון חב"ד געווען גרייט און וויליק וואס גיכער מיט אים זיך צו טרעפן און דורכריידן – האט זיך פאר אים אנטפלעקט דער גרויסער אונטערשייד.

נו – האט הרב ראזען אויסגעפירט – איצט איז ער פולשטענדיק איבערצייגט, אז אויך היינט-צו-טאג איז שיטת חב"ד דער אמת'ער דרך החיים און ער דאנקט דעם אויבערשטן דערפאר וואס ער האט אים ענדלעך ארויפגעפירט אויף דעם ריכטיקן וועג. דערביי וויל ער אונז געבן א סומע געלט אויף צדקה – פינף מאל ח"י פונטן. און דער חשבון איז מיט א כוונה: דריי מאל ח"י פאר די דריי מענטשן וואס זיינען געקומען (הרב שם-טוב, הרב ספעקטאר און איך); איין מאל ח"י פאר זיך זעלבסט; און איין מאל ח"י פאר דעם רבי'ן שליט"א ("וואס איז דאך צוזאמען מיט אונז"). דערצו וויל ער אויך מאכן א חשבון פון זיין פארמעגן, אויסרעכענען דעם סכום פון די מעשרות און אוועקגעבן א סכום געלט פאר ליובאוויטש.

אבער דער עיקר-צוועק, צוליב וועלכן הרב ראזען האט אונז גערופן צו זיך, איז אט וואס: זעענדיק קלאר דעם אמת פון שיטת חב"ד, בעט ער אונז מ'זאל אים העלפן ווערן א ליובאוויטשער חסיד – מ'זאל אים "אריינגעמען אין חסידישן

פעקל". ער וויל אוועקגיין פון דער וועלט זייענדיק א ליובאוויטשער חסיד, זייענדיק מקושר צום רבי'ן שליט"א! דערפאר וועט ער גלייך אנהויבן דאווענען לויטן נוסח חב"ד און זיך פירן ווי א חב"ד-חסיד דארף זיך פירן... דאס האט הרב ראזען אונז געזאגט און אונז געבעטן יענעם זונטיק.

פארשטייט זיך, אז מיר זיינען געווען צופרידן צו דערפילן די בקשה פון הרב ראזען. מ'האט דארט אויפן ארט אפ-גערעדט, אז איך זאל צו אים קומען איינקע מאל א וואך - לערנען מיט אים חסידות און אים העלפן צו ווערן א חסיד.

אבער דערמיט האט זיך עס ניט געענדיקט. ריידנדיק אזוי ווייטער, פון ענין צו ענין, גיט ער אונז א פרעג: ווי קוקן מיר אויף אזא געדאנק - אז ער זאל פארן זיך זען מיטן רבי'ן שליט"א און אזוי פנים-אל-פנים אויספירן זיין וואונטש צו ווערן דעם רבינ'ס א חסיד, צו זיין מקושר צו אים.

עס איז פאר אונז שווער געווען אים צו געבן אן עצה - געפינט ער דאך זיך אין אזא ערנסט-סכנות'דיקן געזונט-צושטאנד! און פרעגן דעם רבי'ן וועגן דעם גופא (ער זאל פארן אדער ניט) איז עפעס אויך ניט קיין פאסיקע זאך. האבן מיר אים געזאגט, אז מיר קענען ניט וויסן צי זיין מצב הבריאות וועט אים דערלויבן דורכצומאכן אזא ווייטע נסיעה; אזוי אז ער דארף צום אלעם ערשטן הערן די מיינונג פון דאקטוירים צי ער מעג עס טאן.

---------- * ----------

אויף מארגן נאך אונזער באזוך ביי הרב ראזען, איז ער אוועק צום דאקטאר און אים געזאגט, אז ער וויל פארן קיין אמעריקע. מיט צוואנציק יאר צוריק, ווי באוואוסט, איז די רייזע פון לאנדאן קיין ניו-יארק געווען פיל שנעלער ווי אין די היינטיקע שנעלערע פיל-פארבעסערטע קאמוניקאציע-באדינגונגען. נאך א "שטיקל ישוב-הדעת" מיט זיך אליין, האט דער דאקטאר צוגעשטימט און געזאגט, אז ער וועט הרב ראזענ'ען געבן א דריי-פאכיקע בלוט-טראנספוזיע, ער וועט אים מיטגעבן געוויסע רפואה-פילן און אזוי ארום וועט ער האפענטלעך באווייזן צו דורכמאכן די דריי-טאגיקע נסיעה קיין ניו-יארק הין-און-צוריק. פארשטייט זיך, אז עמעצער דארף מיט אים מיט-פארן און אים ארויסהעלפן אויב עס וועט אונטערוועגס ווערן זייער שווער.

באלד נאכדעם האבן מיר דערהערט הרב ראזענ'ס הייטערן קול אויפן טעלעפאן, אנזאגנדיק די בשורה: ער פארט צום רבי'ן! ס'איז אויסגעקומען, אז בסך-הכל א וואך נאך אונזער אויבן-דערציילטן שמועס האט הרב ראזען זיך געדארפט לאזן אין וועג אריין, אויספירנדיק אלע פאראָרדענונגען פונעם דאקטאר. זיין באגלייטער אויף דער נסיעה צום רבי'ן שליט"א איז געווען דער אויבן-דערמאנטער הרב ספעקטאר.



ווען מיר, הרב שם-טוב און איך, זיינען געקומען אויפן לופט-פעלד צו באגלייטן הרב ראזען צו זיין אפפלי צום רבי'ן שליט"א, האט ער אונז דארט אפגערופן אין א זייט און אונז געזאגט מיט געצוימטער התרגשות און א שארף-ערנסטן טאן:

ער באשטימט אונז פאר צוויי עדות, פאר וועמען ער איז "מוסר-מודעה" (ד.ה. ער לאזט אונז וויסן מיט דער פולער זיכערקייט), אז ער פארט צום רבי'ן שליט"א <u>ניט</u> בכדי צו בעטן זיין ברכה אויף א רפואה, אויף געזונט ווערן... ער ווייס, ער פילט, אז ס'איז שוין נאכן גזר-דין! אים ארט אפילו ניט, אז ער וועט שוין ניט קענען באווייזן צוריקצופארן אהיים און ווועט שוין "בלייבן" דארט אין ניו-יארק. דער עיקר איז, ער זאל שטארבן א ליובאוויטשער חסיד! ער פארט צום רבי'ן, נאר בכדי דער רבי זאל אים און זיין משפחה אננעמען אלס זיינע חסידים און מקושרים - און נאכדעם ארט אים שוין ניט וואס עס וועט זיין ווייטער...

הרב ראזען איז אנגעקומען קיין ניו-יארק מיטוואך, און דאנערשטיק ביינאכט איז ער אריין אויף "יחידות" צום רבי'ן שליט"א - און האט טאקע באלד ארויסגעבראכט זיין בקשה, אז דער רבי זאל אים און זיינע בני-בית אננעמען אלס חסידים. דער רבי שליט"א האט אים דערויף געענטפערט, אז ער נעמט אים אן אלס שותף, אבער ניט אלס חסיד... און האט צוגעגעבן, אז מ'וועט וועגן דעם ריידן נאך שבת. נאכדעם האט דער רבי מיט אים גערעדט וועגן זיין מוסד און געזאגט, אז ער, הרב ראזען, זאל זיך אין לאנדאן פארבינדן מיט די מענטשן פון ליובאוויטש, וועלכע וועלן אים העלפן, אז דער מוסד זאל זיך פירן מער אין רוח התורה והיהדות. דער רבי האט מיט אים דאן גערעדט באריכות וועגן חינוך און אנדערע ענינים אין הנהלת המוסד.

ווען הרב ראזען איז שפעט ביינאכט (ארום איינס אזייגער) ארויס פון "יחידות"-צימער, איז ער געווען בארוישט פון פרייד און התרגשות; ער האט זיך אליין ניט געקענט דערקענען - ער האט זיך געפילט ממש ווי א ניי-געבוירענער, פול מיט כח און חיות, פריש און קרעפטיק - כאטש "גיי און טאנץ אין די גאסן!" ער האט באשלאסן באלד צו שיקן א טעלעגראמע קיין לאנדאן און לאזן וויסן וועגן דעם זיינע בני-בית. איז ער אוועק צופוס פון 770 איסטערן פארקוויי (הויפט-קוואַרטיר פון חב"ד-ליובאוויטש) ביז צו סאראטאגא-גאס, וואו ס'האט זיך געפונען דער פאסט-אפיס וואס איז אפן דורכן נאכט. דאס איז געווען א היפשער מהלך און הרב ראזען האט עס דורכגעשפאנט אן שום שוועריקייט! ער איז געווארן פארגאפט פון דעם גרויסן וואונדער און אלץ אין זיין ווערן האט געזונגען מיט פרייד: דער רבי שליט"א האט אים אריינגעגעבן א ניי לעבן!

צוליב זיין גרויסער התרגשות און פילנדיק צווישן דעם עולם "אויף 770" ווי צווישן אייגענע ברידער, איז הרב ראזען אריין "אין גרויסן רעדל" און יעדן איינעם דערציילט וועגן דעם וואונדערלעכן מופת פון רבי'ן שליט"א, וואס ער האט ערשט

איבערגעלעבט. עס האט אים אנגענומען א באגער צו מפרסם זיין איבער דער וועלט ווי אזוי ער איז פון א צעבראכענעם שארבן אזוי וואונדערלעך און שנעל געווארן א נייער מענטש! ער האט געהאט א נאענטן חבר (פון די ניט-חסידישע רבנים) אין דרום-אפריקע האט ער אים טעלעגראפיש מודיע געווען וועגן זיין געזונט-מצב, וואס האט זיך געביטן מן הקצה אל הקצה; און אז יש איש-אלקים בישראל, אז ס'איז דא א רבי ביי אידן, וואס האט דעם ג-טלעכן רוח צו ענדערן א זאך צום גוט! ער האט עס אויך דערציילט אין בריוו צו זיינעם א נאענטן משפחה-מענטש, וועלכער האט פריער אים אפגערעדט פון פארן צום רבי'ן, און פאר אים געשילדערט זיינע איבערלעבונגען און דערציילט וואס א רבי שטעלט מיט זיך פאר.

בקיצור ובסך-הכל: נאך דער "יחידות" ביים רבי'ן שליט"א איז הרב ראזען געווארן גאר אן אנדער מענטש בגשם וברוח.

ביים שבת'דיקן "פארברייינגען" (ס'איז געווען שבת מברכים חודש אדר) האט דער רבי שליט"א אין שיחה ק' ארויס-פירלעך ארומגערעדט אין וואס עס באשטייט די אומגליקלעכע מחלה פון די בלוטן, וועגן די "רויטע" און "ווייסע" בלוט-צעלן, וועגן זייער פראפארץ און זייער מערן זיך און פארניכטן איינע די אנדערע, וואס דאס איז די סיבה פון די קרענק - און דאס אלץ אין שייכות מיט די זעלבע ענינים ווי זיי דריקן זיך אויס אין די העכערע רוחניות'דיקע וועלט.

אויף מארגן, זונטיק, פאר זיין צוריקפליען קיין לאנדאן, איז הרב ראזען אריין נאכאמאל "אויף יחידות" צום רבי'ן שליט"א. ער, הרב ראזען, האט ווידעראמאל געבעטן, אז דער רבי זאל אים און זיין פאמיליע אננעמען אלס זיינע חסידים, אז ער וויל בלייבן א מקושר צום רבי'ן. דער רבי האט אים געזאגט, אז א סאלדאט וואס געפינט זיך אין דער מלחמה טראכט ניט וואס עס וועט זיין שפעטער; ער טראכט ניט וועגן קיין שום זאך - אויך ניט וואס עס וועט זיין מיט זיין ווייב און קינדער. א סאלדאט אויפן פראנט טראכט בלויז וועגן דער מלחמה וואס ער דארף דורכפירן...

ריידנדיק האט הרב ראזען א זאג געטאן, אז ער וויל מפרסם זיין אין דער וועלט דעם וואונדער-מופת מיט זיין געזונט ווערן, ווייל דאס וועט ברענגען גרויס קידוש השם. און היות ער, הרב ראזען, איז גוט באקאנט אין צאלרייכע אידישע קרייזן, וועט דאס גורם זיין, אז א סך אידן וועלן זיך דער-נענטערן צום רבי'ן שליט"א און צום דרך החסידות.

אבער דא איז דער רבי מיטאמאל געווארן זייער ערנסט און געזאגט: די "לוחות הראשונות" זיינען געגעבן געווארן מיט גרויס רעש און קולות - זיינען זיי צעבראכן געווארן...

הרב ראזען האט פון דעם רבינ'ס ווערטער גוט פארשטאנען, אז מ'טאר וועגן דעם ניט טומלען. ס'איז שוין אבער געווען צו



שפעט צו באווארענען, אז דאס זאל ניט דערגיין צו דער עפנטלעכקייט: אין דרום-אפריקע האט מען שוין וועגן דער וואונדערלעכער געשעעניש געשריבן אין די צייטונגען; אין ארץ-ישראל איז דאס שוין געווען צעפויקט און אויך באשריבן אין דער פרעסע - די אידישע וועלט האט שוין וועגן דעם געוואוסט און גערעדט.

נאכן הערן די ווערטער פון רבי'ן שליט"א, האט הרב ראזען אנגעהויבן אויסמיידן צו ריידן וועגן דעם מופת און געפרואווט צו פארשווייגן די זאך. קומענדיק צוריק קיין לאנדאן האט הרב ראזען אונז דערציילט וועגן דעם רבינ'ס רייד. "וואס טוט מען איצט?" האט הרב ראזען אונז געפרעגט מיט טיפער זארג. נו, וואס האבן מיר אים געקענט ענטפערן און ראטן? ער האט זיך אפילו אפגעהאלטן פון דערציילן מער וועגן דעם צו זיין ווייב און קינדער - ער האט אבער גארניט געקענט אויפטאן, ווייל די נייעס וועגן דער וואונדער-פאסירונג האט זיך אלץ מער צעשפרייט פון מויל צו מויל און אין אייך צייטונג נאך דער צווייטער.

און טאקע איינגיכן נאכדעם, ווי דער מופת מיט הרב ראזען איז געווארן פארשפרייט אין דער פרעסע, האט הרב ראזען זיך אנגעהויבן פילן אלץ שוואכער און ערגער. ער איז נאך אלץ געשטאנען אין א שטארקער פארבינדונג מיטן רבי'ן שליט"א - אבער וואס א טאג איז עס אים געווארן שווערער; זיינע כוחות האבן אים אנגעהויבן פארלאזן.

א פאר וואכן שפעטער האט הרב ראזען זיך אוועקגעלייגט אין בעט מיט א פארקילונג מיט הויכן פיבער - און פון דער פארקילונג איז ער שוין צו זיך ניט געקומען. הרב ראזען איז אין קורצן נפטר געווארן.

אבער ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין "אוועקגיין" האט מען ביי אים ממש געזען נשמה-אנטפלעקונגען; אזעלכע דערהויבענע געפילן וועלכע מ'געפינט בלויז אין די שילדערונגען וועגן גרויסע חסידים פון די פריערדיקע דורות. עס האבן פון אים ארויסגערעדט און ארויסגעשיינט נשמה-הרגשים, וואס זיינען העכער פון פארשטאנד.

די גאנצע דערשיינונג פון הרב קאפל ראזען האט עפעס ניט קיין ארט אין שכל: ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז א מאדערנער איד מיט מאדערנע השקפות איז אין אזא קורצער צייט פארוואנדלט געווארן אין א הייסן חסיד מיט דערהויבענע פיינע און אידעלע הרגשים און הנחות!

איך בין ביי אים געווען ווען ער איז געלעגן מיט א הויכער היץ-טעמפעראטור (42 גראד) און אים געבראכט א "טעיפ" פון שיחות פון דעם רבי'ן שליט"א. האב איך געזען ווי ער הויבט זיך פון בעט. האב איך געענטפערט טענה'ן און בעטן אים: ר' קאפל, טוט עס ניט! איר קענט הערן דעם רבינ'ס שיחה ליגנדיק אין בעט!

אבער ער האט מיך ניט געפאלגט, זיך געשטארקט מיט די לעצטע כוחות און איז אראפ פון בעט הערן דעם רבינ'ס רייד. ער האט געזאגט: וואס הייסט! ווי קען איך הערן א "טעיפ" פון רבי'ן שליט"א ליגנדיק אין בעט? בשום-אופן ניט!

און אז ער האט אין יענע לעצטע וואכן געדארפט שרייבן א בריוו צום רבי'ן שליט"א, האט ער זיך ניט געלאזט איבערצייגן, איבעררייד און איז געגאנגען. פריער זיך טובל זיין אין מקוה. ווי קען מען עס עפעס שרייבן צום רבי'ן א בריוו ניט גייענדיק פריער אין מקוה!? ניין, דאס קען ניט זיין! אי, געזונט? - דאס טאר ניט אפהאלטן!

פון וואנען אזעלכע טיפע, שיינע און דערהויבענע חסידישע נשמה-דערהערן און געפילן - בעת אז זיין גאנצער היחוך און הינטערגרונט איז געווען אזוי ווייט דערפון?! איז עס ניט אנדערש, נאר אן אויפלויכט און אנטפלעקונג פון די היכע נשמה-כוחות, וואס א פרק תניא האט דערוועקט, וואס דער רבי שליט"א האט זיי געמאכט שיינען מיט דער גאנצער ליכט און קראפט - און ס'איז קיין ספק ניט, אז ווען ניט דער מעשה-שטן פון דעש און פרסום, וואלט אויך די וואונדערלעכע אנטפלעקונג פון זיין פיזישער באנייאונג ניט צעבראכן געווארן.



אויף די ווייטערדיקע צוויי קורצע סיפורים זיינען פארצייכנט לויטן דערציילן פון הרב נחמן סודאק.

ווען מיר זיינען געקומען אין לאנדאן אין יאר תש"כ האבן מיר געהערט פון איינעם א פראפ', האכבערג, אז איך א געווויסער געגנט פון לאנדאן וואוינט א דייטשער איד, וואס ווייזט ארויס קעגנערשאפט און ווידערווילן צו פרומע אידן און באזונדערס צו חסידישע אידן - צו אלע פרומע און חסידישע אידן, אבער ניט צו ליובאוויטשער חסידים. צו ליובאוויטש האט ער א גוטע באציאונג.

מיט דער צייט איז אויסגעקומען, אז מיר זיינען געקומען אויף א באזוך ביי אט דעם "יעקישן" איד. האט ער אונז דערציילט די ווייטערדיקע געשיכטע:

דער דאזיקער איד, האט געהאט א קרוב, א שוועסטערקינד, וואס האט געוואוינט אין ניו-יארק. דער ניו-יארקער קרוב איז אמאל אריין אין א שפיטאל דורכצומאכן אן אפעראציע. געווען איז עס א לייכטע אפעראציע און ער האט זי דורכגעמאכט אן שוועריקייט, אזוי אז עד האט זיך געריכט אינגיכן צו ווערן געזונט און פארלאזן דעם שפיטאל.

די אפעראציע איז טאקע דורכגעפירט געווארן מיט דערפאלג, אבער דער פאציענט האט נאך דער אפעראציע זיך אנגעהויבן פילן ניט-גוט און ער איז געווארן שוואכער פון טאג צו טאג. ער האט געפילט ווי עס גייען אים ביסלעכווייז אויס די כוחות.

די דאקטוירים אין שפיטאל האבן, האבן אים אונטערזוכט, געפארשט און ניט געקענט דערגיין די סיבה פון דער מאדנער קאמפליקאציע. זיי האבן מיט זיכערקייט באשטעטיקט, אז דאס איז ניט צוליב דער אפעראציע, אבער פון וואנען דאס נעמט זיך האבן זיי ניט געוואוסט: א זעלטענע מיסטעריע!

איינער פון די משפחה-מענטשן פון דעם חולה האט געהאט געהערט וועגן דעם ליובאוויטשער רבי'ן, צו וועמען עס קומען אידן וואס נויטיקן זיך אין א רפואה און ישועה. ריידנדיק מיט די נאענטע קרובים פון דעם חולה האט ער זיי געראטן, אז מ'זאל זיך ווענדן צום רבי'ן שליט"א און בעטן זיין ברכה.

די משפחה-מענטשן זיינען אריין צום רבי'ן שליט"א און געבעטן א ברכה פאר דעם חולה, וואס זיין געזונט-צושטאנד ווערט נאכאנאנד ערגער און ערגער, און די דאקטוירים קענען ניט אויסגעפינען די סיבה דערפון. אויף דעם האט זיי דער רבי געענטפערט: מען זאל אומבייטן די קראנקן-שוועסטער, וואס באדינט זייער קרוב אין שפיטאל.

זיי האבן געפאלגט דעם רבינ'ס אנזאג, אומגעביטן די קראנקן-שוועסטער אויף אן אנדערער און... דער צושטאנד פון דעם חולה האט זיך באלד גענומען פארבעסערן. אין עטלעכע טעג

ארום איז ער געווארן געזונט און פארלאזט דעם שפיטאל.

פארשטייט זיך, אז מ'האט געגומען נאכפארשן וועגן אט-די קראנקן-שוועסטער - ווער און וואס זי איז - און מ'האט אויס-געפונען, אז זי איז א דייטשקע, א פארביסענע נאציכע! מ'איז אויך דערגאנגען, אז זי האט עס איין שפיטאל געטאן א "קלייניקייט": זי פלעגט יעדן טאג געבן דעם פאציענט א קליינע דאזע גיפט, וואס איז געווען "צו-ווייניק" אז די דאקטוירים זאלן עס באמערקן - אבער גענוג אז דער חולה זאל דערפון ווערן שוואכער און שוואכער, ביז...

אזוי האט אונז דערציילט יענער "יעקישער" איד איין לאנדאן און דערמיט "באדעכטיקט" פארוואס ער האט וועגן ליובאוויטש א דערהויבענע מיינונג, כאטש אז אידן פון ליובאוויטש זיינען פרומע און חסידישע אידן.

---------- * ----------

מיט איבער צוויי-צענדליק יאר צוריק - אינעם זומער פון איז קיין ניו-יארק געקומען אן יאר תשי"ט אדער תש"כ - ער איז דארט געקומען מיט אונגארישער איד פון ארץ-ישראל. ער איז דארט געקומען מיט זיינס א טעכטערל, א מיידל פון א יאר זעקס, וועלכע האט איך נידו-יארק געדארפט דורכמאכן א האלז-אפעראציע. דאס מיידעלע האט ניט געקענט ריידן צוליב א געוויסע שטערונג איך האלז. די אפעראציע האט געדארפט באזייטיקן די שטערונג ("בלאקעדזש") איך האלז און דאס מיידעלע וועט נאכדעם קענען ריידן נארמאל.

עס איז אבער געווען גאר אנדערש ווי מ'האט געהאפט און דערוואַרט. דאס מיידעלע האט איך ניו-יארק דורכגעמאכט די אפעראציע, אבער אנשטאט דעם, אז דאס קינד זאל געהאלפן ווערן דורך דער אפעראציע, איז איר מצב געווארן ערגער ווי פריער. און פון ערגער צו נאך ערגער, ביז זי איז אריין איך א קריטי צושטאנד. דער צעבראכענער איד האט געזען, אז די מעדיצינישע מיטלען קענען ניט העלפן, האט ער זיך באמיט ארייננצוגיין צו גוט-באוואוסטן רבי'ן איך ניו-יארק און ביי אים בעטן א ברכה פאר זיין טאכטער. מען האט אים אבער ניט צוגעלאזט צום רבי'ן - ער איז געווען פון די מער מאדערנע אידן, געשוירן די בארד און געווען אנגעטאן איך ניט קיין חסידישע מלבושים.

זייענדיק איך מאנהעטן (צענטער פון ניו-יארק) האט ער זיי האבן זיך אנגעטראפן א ליובאוויטשער יונגערמאן, אז דער איד איז באקענט, זיך פאנאנדערגערעדט, און זעענדיק, אז דער איד איז זייער דערשלאגן, האט דער יונגערמאן אים געפרעגט פארוואס איז אזוי צעבראכן. האט אים דער איד דערציילט וועגן זיין צרה, אז זיין טאכטער האט דא דורכגעמאכט א האלז-אפעראציע, די רעזולטאטן פון דער אפעראציע זיינען ניט קיין גוטע, און אז די דאקטוירים זאגן, אז איר מצב איז זייער און זייער ערנסטער. פאקטיש האבן דאקטוירים שוין געהאט אויפגעגעבן די



האפענונג, אז די זאל געזונט ווערן.

דער ליובאוויטשער יונגערמאן האט דעם אידן געמוטיקט און אים געגעבן אן עצה, אז ער זאל זיך ווענדן צום ליובאוויטשער רבי'ן שליט"א און ביי אים בעטן אן עצה און א ברכה. דער איד האט אים געפאלגט און איז געקומען "אויף 770" און דארט געבעטן מ'זאל אים אריינלאזן צום רבי'ן "אויף יחידות". געקומען איז ער אין מיטן טאג, ניט אין די זמנים ווען דער רבי שליט"א נעמט אויף מענטשן אויף "יחידות". האט מען אים געזאגט, אז ער קען איצט ניט אריינגיין צום רבי'ן.

דער איד איז דערפון געווארן נאכמער צעבראכן. די ישיבה בחורים וואס לערנען "אויף 770", האבן אים געגעבן אן עצה: היות אז באלד וועט דער רבי שליט"א ארויסגיין פון זיין חדר קדשו און וועט קומען אין בית-מדרש דאווענען מנחה, זאל דער איד דעמאלט צוגיין צום רבי'ן און בעטן א ברכה.

ווען דער רבי איז ארויס דאווענען מנחה, האט דער איד אפגעשטעלט דעם רבי'ן און פאר אים אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ. ער האט אין קורצן דערציילט וועגן דעם אומגליק מיט זיין טאכטער און פון גרויס ביטערקייט און פארצווייפלונג האט ער נאכדעם געפרעגט דעם רבי'ן: אפשר זאל ער דעם קינד ארויס-נעמען פון שפיטאל, ווייל די דאקטוירים גיבן זייער ווייניק שאנסן...איז פיליכט בעסער דאס זאל ניט "געשען" אין שפיטא וואו מ'קען דערנאך "עפענען", מאכן בדיקות...

ביים הערן אט די רייד פון דעם אידן איז דאס הייליקע פנים פון רבי'ן שליט"א געווארן בלייך, בלאס און מיט א הויך אויפגערעקטן קול געזאגט דעם אידן:

- ווי רעדט עס א איד אזעלכע ווערטער!? א אידיש קינד דארף לעבן! טא ווי קומט עס ער זאל טראכטן וועגן א מצב פון היפך החיים!...

דער רבי שליט"א האט דערנאך געזאגט דעם אידן, אז דארט אין שפיטאל, וואו זיין קינד געפינט זיך, איז דא א דאקטאר מיט דעם און דעם נאמען. זאל דער איד זיך ווענדן צו דעם דאקטאר און אים זאגן, אז ער זאל געבן דעם קינד א געוויסע מעדיצין (דער רבי שליט"א האט געזאגט דעם נאמען פון דער רפואה) און אז דער אויבערשטער וועט העלפן און דאס קינד וועט זיך אנהויבן פילן בעסער.

דער איד האט באלד אוועקגעאיילט צום שפיטאל, אויפ-געזוכט דעם דאקטאר, וואס דער רבי האט צו אים געשיקט און יענער איז געווען גרייט צו געבן א רפואה צום זייער קראנקן קינד. עס האט אבער אויסגעזען, אז ס'איז שוין צו-שפעט, אז דאסמיידעלע איז שוין ניט אומשטאנד אויפצונעמען די מעדיצין - "זי איז שוין מער אויף יענעם זייט", ר"ל... דער איד האט זיך אבער שטארק איינגעע'עקש'נט, ניט אפגעלאזט: זאל מען פרואוון געבן די רפואה - דער רבי האט דאך אזוי געזאגט! - און מ'האט

דעם קינד ווי-עס-איז אריינגעגעבן די רפואה.

דעם ערשטן טאג, נאכן אריינגעמען די רפואה, איז ניט געווען קענטיק קיין שום ענדערונג אינעם מצב פונעם חולה. אבער דעם צווייטן טאג האט זיך אנגעהויבן מערקן א פאר-בעסערונג און וואס ווייטער אלץ בעסער און בעסער.

ווען דער איד איז א טאג נאכדעם אריין אינעם שפיטאל-צימער וואו זיין קינד איז געלעגן - איז דאס מיידעלע אויפ-געשפרונגען פון בעט און... אויסגערופן: "טאטע, נעם מיך אהיים!"

דאס זיינען געווען די ערשטע ווערטער וואס דאס מיידעלע האט ארויסגערעדט פון איר מויל.

נאך א פאר טעג איז דאס מיידעלע פארבליבן אין שפיטאל. ווען איר טאטע האט די ארויסגענומען פון שפיטאל איז זי שוין געווען איינגאנצן געזונט און האט גערעדט ווי אלע נארמאלע קינדער און איידן "אויף 770" האבן דאס קינד געזען בעת איר פאטער האט זי מיטגעבראכט צו דעם רבינ'ס א "פארברענגען"...



## די מזוזה און דאס הארץ

דער סיפור איז פארצייכנט געווארן לויט דער דערציילונג פון הרה"ח ר' שלום דובער קעסעלמאן, לאנג-יאריקער משפיע פון חסידות און חסידישער מחנך פון ישיבת "תומכי תמימים" אין כפר חב"ד, וואס האט דאס געהערט פון דעם בעל-דבר אליין.

מיט עטלעכע יארן צוריק האט מר סגאל, פון דער שטאט לוד, "דערפילט דאס הארץ". מ'האט אים גלייך גענומען אין שפיטאל, וואו מ'האט אויסגעפונען, אז מר סגאל האט געהאט א הארץ-אטאקע... און עס האבן זיך ביי אים אנגעהויבן טעג פון יסורים. ער איז עטלעכע חדשים געלעגן אין שפיטאל און האט געליטן שארפע ווייטיקן אין הארצן. נאך א לענגערער צייט האבן די דאקטוירים אים דערלויבט צו פארלאזן דעם שפיטאל און אומקערן זיך אהיים. דערביי האבן זיי אים מיטגעגעבן שטרענגע וואָרענונגען: ער טאר זיך ניט אנשטרענגען, ניט אויפרעגן זיך, ניט ארויסגיין פון הויז. בלויז אין די פארנאכט-שטונדן האט מען אים דערלויבט ארויסצוגיין אין דרויסן אויף א קורצן שפאציר.

מר סגאל איז געקומען אהיים און האט נעבעך ניט אויפ-געהערט צו ליידן פון הארץ-שמערצן. אין א געוויסן פארנאכט איז מר סגאל ארויס אין גאס אריינצואטעמען א ביסל פרישע לופט. גייענדיק אזוי מיט פאמעלעכדיקע טריט האט ער באגעגנט זיינעם א פריינט, ר' שלמה גרינוואלד ע"ה פון די עלטערע חב"ד חסידים. ר' שלמה האט אויסגערופן מיט ווארעמער געריהרטקייט:

- סגאל, וואס מאכסטו? שוין א לאנגע צייט אז מ'זעט דיך ניט! האט עפעס פאסירט מיט דיר?

- פרעג שוין ניט - האט מר סגאל אפגעזיפצט - מיט איי'ניקע חדשים צוריק האב איך געהאט א הארץ-אטאקע און פון דעמאלט לייד איך שרעקלעכע יסורים. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן. איך אליין גלויב שוין ניט, אז כ'וועל פון דעם ארויסקריכן!

- ביסטו שוין געווען ביי יענעם גרויסן דאקטאר? - האט ר' שלמה אים געפרעגט מיט זארג און מיטלייד - האסטו שוין געפרואווט נעמען די און די רפואה? - און ווי דער שטייגער פון עלטערע מענטשן האט ר' שלמה ניט אויפגעהערט צו פרעגן ביים חולה און פרואוון אים העלפן מיט עצות.

- כ'האב שוין אלץ געטאן, אויסגעפרואווט אלע סארטן רפואות... ס'האט גארניט געהאלפן. - האט מר סגאל געענטפערט

מיט א פינסטערן פנים. נאכן ליגן חדשים אין שפיטאל איז ער שוין אליין געווען כמעט א "האלבער דאקטאר" און האט שוין געוואוסט פון אלע פאפולערע מעדיצינען, תרופות און וועגן אלע בארימטע דאקטוירים.

– שטעלט זיך פאר, ר' שלמה – זאגט מר סעגאל מיט א ליידנדיקן שמייכל – אז כ'האב שוין אויך דאס און אנדערש געפרואווט, אלץ אויסגעפרואווט! עס קען שוין מיר גארניט העלפן!

אבער ר' שלמה לאזט ניט אפ:

– האסט שוין געשריבן א בריוו צום ליובאוויטשער רבי'ן?

– וואס עפעס פלוצלונג שרייבן צום רבי'ן? – האט מר סעגאל געפרעגט אן איבערראשטער. סעגאל איז א איד א מאמין און א שומר תורה ומצוות. ער האט טאקע געוואוסט וועגן דער גדלות פון דעם רבי'ן ווי גאר א גרויסער גאון אין תורה. ער האט אבער קיינמאל ניט געטראכט, אז דער רבי ווי א צדיק קען האבן עפעס א שייכות צו זיין רפואה.

– איך פארשטיי ניט – האט מר סעגאל געגעבן צו פארשטיין זיין פריינט – פארוואס זאל איך פלוצלונג שרייבן צום רבי'ן? אז כ'בין געווען געזונט און געהאט א גוט-לעבן – האב איך אים ניט געשריבן; און איצט, ווען מיר איז ביטער און פינסטער, זאל איך יע שרייבן?... און בכלל, ווי אזוי איז דער רבי, דארט ערגעץ אין ניו-יארק, מסוגל צו העלפן מיר דא...

ר' שלמה האט אים אבער ניט אפגעלאזט. מיט הארציקע התלהבות האט ער גענומען דערציילן וועגן צענדליקער אזעלכע פאלן, וועגן דער רבי איז געווען דער "לעצטער אדרעס" און מ'איז געהאלפן געווארן. אבער מר סעגאל האט מיט הארטער עקשנות גע'חזר'ט די זעלבע ווערטער: "ווען מיר איז געווען גוט האב איך ניט געשריבן, איז וואס מיטאמאל שרייבן?... וואס קען מיר שוין דער רבי העלפן?..."

ר' שלמה האט דערזען, אז "עס גייט ניט", האט ער זיין פריינט פארגעלייגט אזא פשרה:

– ווייסט וואס, איך וועל שרייבן וועגן דיר צום רבי'ן? דערויף ביסטו יע מסכים?

– נו! אויב דו ווילסט שרייבן – האט מר סעגאל א זאג געטאן מיט א קרעכץ – פארוואס ניט?... יע, שרייב דו צום רבי'ן, אבער... כ'וועל צושרייבן עטלעכע ווערטער ביים סוף פון דיין בריוו.

ר' שלמה האט אנגעשריבן דעם בריוו און מר סעגאל האט ביים סוף פון בריוו צוגעשריבן געציילטע ווערטער. ר' שלמה האט דורכגעלייענט די ווערטער און ער איז געבליבן א פאר-ציטערטער. מר סעגאל האט געשריבן: "רבי, מיינע הארץ-ווייטיק



זיינען שרעקלעכע, כ'קען מער ניט ליידן! זיי כהפלל, אז כ'זאל אין גיכן שטארבן".

דער בריוו איז באלד אוועק אויף יענער זייט ים. ביט דריי וואכן שפעטער איז געקומען א קורצער בריוו פון רבי'ן שליט"א. דער גאנצער בריוו איז באשטאנען פון איין שורה: "נא לבדוק את מזוזת הבית" – צו בודק זיין די מזוזות פון הויז – און דעם רבינ'ס הייליקע אונטערשריפט.

---------- * ----------

"דו וועסט מיר יע גלויבן אדער ניט גלויבן" – האט מר סעגאל געזאגט צו הרב שלום-דוב קעסעלמאן (באוואוסטער משפיע פון ישיבת "תומכי תמימים"), וועלכער האט דערציילט די געשיכטע ביי פיל געלעגנהייטן – "אבער ס'האט פאסירט גענוי ווי איך דערצייל דיר, ווי מיין נאמען איז סעגאל! כ'בין צוגעגאנגען צו דער מזוזה מיט א צוויינגל אין האנט און אין דער סעקונדע וואס איך האב ארויסגעשלעפט דעם טשוועקל פון דער מזוזה-שייד, האב איך דערפילט ווי מ'וואלט ארויסגעצויגן א טשוואק פון מיין הארץ!"

מר סעגאל האט ארונטערגענומען אלע מזוזות פון זיינע הויז-טירן און האט זיי געבראכט צום רב פון שיכון חב"ד אין לוד, הרב קאפלאן ז"ל. דער רב האט איבערגעקוקט די ערשטע מזוזה און האט אנגעשטעלט זיין בליק אויף מר סעגאל'ס פנים. דער רב האט די מזוזה בודק געווען נאכאמאל, ווידער זיך איינגעקוקט אין סעגאל'ס געזיכט און האט זיך פאנאנדער-געשמייכלט.

מר סעגאל האט זיך פארוואונדערט:

– פארוואס שמייכלט אזוי דער רב? האט עפעס פאסירט?

– מיין טייערער פריינט – האט הרב קאפלאן געזאגט – דו און דיין מזוזה זיינען זייער צוגעפאסט איינער צום צווייטן; איר האט ביידע פונקט די זעלבע מחלה: איר זיינט ביידע קראנק אויפן הארצן...

– אבער וואס מיינט דער רב – האט מר סעגאל געפרעגט א דערשטוינטער – מילא, איך בין טאקע קראנק אויפן הארצן, שוין איינמאל קראנק! אבער די מזוזה?...

– יע, יע – האט דער רב צוגעשאקלט מיטן קאפ – אויך דיין מזוזה איז א "הארץ-חולה"... אינעם פסוק "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך" איז דאס ווארט "לבבך" (דיין הארץ) פארמעקט געווארן... זעט אויס, אז דאס האט א שייכות צו דיין הארץ-קראנקייט.

דער רב האט ניט געלאזט פארלירן א מינוט, און געפינענדיק, אז אויך די איבעריקע מזוזות זיינען פסול'ע, האט ער מר סעגאל'ן גלייך געגעבן נייע כשר-מהודר'דיקע מזוזות.

און מר סעגאל האט אויך געאיילט און תיכף אנגעקלאפט די נייע מזוזות אויף זיינע הויז-טירן.

אויף מארגן אינדערפרי איז מר סעגאל אויפגעשטאנען פון שלאף און האט זיך געגומען אנטאן אויפן שטייגער פון אלע געזונטע מענטשן. אויך זיין ווייב האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט אנגעקוקט איר מאן מיט פאר'חידוש'טע אויגן. מר סעגאל האט איר אויף דערויף געענטפערט מיט א נאטירלעכער געלאסנקייט, אז ער איז אינגאנצן געזונט און וויל גיין אין שול דאווגען... גיין צו דער ארבעט...

- ביסטו ר"ל משוגע געווארן!? - איז דאס ווייב אויפגעשפרונגען פון ארט - מיט אזא קראנק הארץ! וואס האט פאסירט מיט דיר?!

- הער זיך צו - האט מר סעגאל פארזיכערט זיין ווייב - איך בין פולקאם געזונט.

און ער האט איר דערציילט די גאנצע געשיכטע מיטן ברייוו פון רבי'ן, וועגן דער פסול'ער מזוזה און די נייע כשר'ע מזוזות, וואס הרב קאפלאן האט אים געגעבן.

- און דו גלויבסט דאס אלץ? - האט זיך זיין ווייב אפגערופן מיט א ביטער-איראנישן געלעכטער - האבן שוין די חסידים באוויזן צו פארדרייען דיר דיין קאפ מיט זייערע מעשיות וועגן דעם רבי'ן? טו מיר א טובה, לאז-אפ די נארישקייטן און לייג זיך אין בעט אריין!

מר סעגאל טענה'ט "איך בין געזונט!" און זיין ווייב שרייט: "ביסט א חולה מסוכן! ווילסט, חלילה, אין בעסטן פאל, ווידער ליגן אין שפיטאל?! האב רחמנות, דו מוזט רוען, ליגן"...

ער האלט זיך ביי זיינס, און די טענה'ט אירס. ענדלעך האט ער איר געזאגט:

- ווייסטו וואס? לאמיר נעמען א טאקסי און צופארן צום הארץ-ספעציאליסט אין תל-אביב. לאמיר הערן וואס ער זאגט.

דאס ווייב האט דערצו מסכים געווען און זיי האבן אזוי געטאן. אז דער דאקטאר האט דערזען פאר זיך מר סעגאל, איז זיין פנים פארוואלקנט געווארן מיט זארג. ער האט שוין געוואוסט פון דערפארונג, אז אויב מר סעגאל קומט צו אים, איז א סימן, אז דער צושטאנד פונעם חולה איז זייער ניט-גוט.

- האט עפעס פאסירט? - פרעגט דער רופא א פאר'דאגה'טער
- פילסט זיך ניט גוט?

- ב"ה ס'איז אלץ בסדר - האט סעגאל זיך אפגערופן מיט א לייכטן שמייכל - כ'וויל סתם אזוי דו זאלסט מיך אונטערזוכן. כ'וויל וויסן וואו האלט עס מיט מיין הארץ.

- אבער וואס פלוצלונג! - פרעגט דער דאקטאר מיט פאר-



וואונדערונג - מ'פירט ניט דורך סתם אזוי א מעדיצינישע אונטערזוכונג. סיידן דו פילסט עפעס...

- דאקטאר, וואס איז דער אונטערשייד! - ענטפערט סעגאל מיט א פעסטן טאן - מיר וועלן באצאלן וויפל מ'דארף, אבי דו זאלסט מאכן די "טעסטן" און אלץ וואס מ'דארף.

דער ספעציאליסט האט איינגעשטימט און דורכגעפירט די נויטיקע הארץ-אונטערזוכונגען און אויך געמאכט א "קארדיא-גראמע". נאך דעם ווי ער האט געקראגן די רעזולטאטן, האט ער זיי געגומען פארגלייכן מיט די רעזולטאטן פון דער פריערדיקער, לעצטער אונטערזוכונג. און מאדנע, דער דאקטאר ווארפט זיינע בליקן פון די רעזולטאטן צו די אנדערע; ער באטראכט די אנאליזן און באלד דערנאך קוקט ער אן מר סעגאל מיט א פארשערישן קוק און צעשמייכלט זיך. נאכאמאל א בליק אין די פאפירן, קנייטשט מיט די פלייצעס און צעלאכט זיך...

- דאקטאר - האט זיך מר סעגאל אנגערופן - דו ביסט שוין דער צווייטער מענטש וואס לאכט פון מיר! וואס מיינט עס?

דער דאקטאר האט זיך א ווייילע פארטראכט. דערנאך האט ער זיך א קער געטאן צו מר סעגאל:

- קום אהער - האט דער דאקטאר געזאגט - זע, אט האלט איך דא צוויי "טעסטן" אין האנט. דער ערשטער "טעסט", וואס דו האסט געהאט מיט אייניקע חדשים צוריק, ווייזט זייער א טרויעריק "בילד": דאס הארץ פון א חולה, וואס האלט שוין ביים... און אויפן צווייטן טעסט זע איך א הארץ פון א פולשטענדיק געזונטן מענטש. דאס איז פשוט אן אוממעגלעכע זאך! ס'איז מיר אינגאנצן ניט פארשטאנדיק ווי דאס קען געמאלט זיין! האב איך זיך גוט איינגעקוקט אין דיין פנים - אפשר ביסטו ניט דו, נאר דיינס א צווילינג-ברודער, א ברודער, א שוועסטער-קינד. ס'איז אבער פארט דו - האב איך זיך צעלאכט.

- איך פארשטיי ניט ווי אזוי - האט דער דאקטאר פאר-ענדיקט - אבער דו ביסט פולקאם געזונט!

## א "מעשה פלא"

דער פאלגנדיקער סיפור איז דערציילט געווארן פון הרב ר' משה אהרן גייסינסקי, א זייער חשוב'ער בן-תורה, למדן און חסיד, און צייכנט זיך גאר באזונדערס אויס מיט זיין אפהיטן זיך פון א שמץ ניט-אמת און אומפינקטלעכ-קייט. די מעשה האט הרב גייסינסקי אליין געשריבן אריגינעל אין לשון-קודש צו א באקאנטן רב אין ארץ-ישראל און איז דערנאך געווען געדרוקט אין דארטיקן חסידישן זשורנאל. נאכן איבערזעצן דעם סיפור אין אידיש, איז ער איבערגעגעבן געווארן צו הרב גייסינסקי, נאכצוקוקן, צי עס זיינען ניט אריינגעפאלן וועלכע-ניט-איז טעותים. אין זיין באמערקונג צו דער איבערזעצונג שרייבט ער צוו. אנד., א "דער אינהאלט פון דער פאסירונג איז ניט גערירט געווארן, און איז איבער-געגעבן געווארן גענוי ווי עס האט פאסירט אין לעבן".

אין א זומערדיקן טאג פון יאר תשי"ט, האבן זיך באוויזן אין "מייק" שול (וואו איך בין דעמאלט געווען בחור רב) צוויי נייע פנים'ער, יונגעלייט "באצירט" מיט שווארצע שניפסן, און אויף די לאצן פון זייערע פיין-אויסגעפרעסטע קליידער זיינען געווען צוגעשפעפעט איינגעריסענע שווארצע שטיקלעך לייווענט (כ'האב שוין דאן געוואוסט דעם מאדערנעם אמעריקאנעם "נוסח": די שווארצע שניפסן זיינען דער צייכן פון "אבילות", און מיט די צעריסענע שווארצע שמאטעס איז מען מקיים די מצוה פון קריעה, ר"ל). זיי האבן געהאלטן אין די הענט סידורים מיט ענגלישער איבערזעצונג, פון וועלכע זיי האבן געזאגט קדיש, וואס איז געווען געדרוקט אין אנפאנג פון סידור, אין זיין אריגינעלן נוסח, אבער - מיט ענגלישע בוכשטאבן. הכלל: עכטע אמעריקאנער "קאדיש-זאגער" פון גוט-באקאנטן "שניט".

ביסלעכווייז האבן מיר זיך נענטער באקאנט איינער מיט די אנדערע, באזונדערס מיטן עלטערן פון די צוויי ברידער קדיש-זאגער, מר. לואיס האזינסקי (זיין דעמאלטדיקער וואוינונג אדרעס איז געווען: 1993 יוניאן סטריט, ברוקלין). גאר א סך מאל האב איך מיט אים פארבראכט, געשמועסט. כ'האב זיך אלע מער צוגעלאזט צו אים מיט מיין הארציקער פריינטשאפט און מיט ווארעמע רייד, אזוי לאנג ביז, אז מיטן איבערשטנס הילף און





אין זכות פון אונזערע הייליקע אבות האבן מיינע רייד געהאט א גוטע ווירקונג אויף אים (הרב גייסינסקי, דער דערציילער, איז אן אור-איינקל פון דעם צדיק באוואוסט ווי דער "שפאלער זיידע", און מר. האזינסקי שטאמט פון דעם באדיטשעווער צדיק און ער טראגט טאקע זיין נאמען: לוי יצחק). מיט דער צייט האב איך ביי אים בגע'פועל'ט ער זאל יעדן טאג לייגן תפילין; כ'האב ביי אים אויך פיל אויסגעפירט אויפן געביט פון שמירת שבת; און אין א געוויסן אוונט האב איך ביי אים אנגעקלאפט מזוזות אויף אלע טירן פון זיין הויז. און כ'האב א גוטן גרונט צו דערווארטן אי"ה נאך פיל גוטע ענדערונגען אין זיין אידישן סדר החיים.

אין מיינע לאנגע שמועסן מיט אים האב איך, געוויינלעך, גאנץ אפט דערמאנט און דערציילט וועגן דעם רבי'ן שליט"א און אים געראטן, אז ער זאל אריינגיין אין זיין "היכל הקודש" (צום רבי'ן אויף "יחידות"). אז ער האט ענדלעך איינגעשטימט דערצו, זיינען מיר ביידע אריין צו הרב כאדאקאוו (הויפט פון "מזכירות" - סעקרעטאריאט - פון רבי'ן שליט"א) צו באשטימען די דאטע פון דער "יחידות" (צו מאכן אן "אפאינטמענט" מיטן "ראבאי" - אויף זיין לשון). הרב כאדאקאוו האט אבער אונז געלאזט וויסן, אז צום באדויערן קען ער איצט ניט דערפילן אונזער פארלאנג, ווייל די אלע "יחידות"-טעג זיינען שוין פון פאראויס פארפולט אויף עטלעכע חדשים, ביז נאך סוכות (און געווען איז עס א פאר חדשים פאר ראש-השנה).

בלית ברירה האב איך פארגעלייגט, אז ער זאל דערווייל שרייבן א בריוו צום רבי'ן שליט"א און לאזן אים וויסן, אז ער האט אויך זיך גענומען צו לייגן תפילין טעגלעך, פארזיכערנדיק אים דערביי, אז דאס וועט פארשאפן דעם רבי'ן שליט"א גאר גרויס נחת-רוח און אז דער רבי וועט אים זיכער ענטפערן אויף זיין בריוו. ער האט מיך געפאלגט און ער האט אנגעשריבן א בריוו צום רבי'ן שליט"א - פארשטייט זיך, אין ענגליש - און ער האט באקומען דעם רבינ'ס שליט"א ענטפער - אויך אין ענגליש - אין גאר א ווארעם-פריינטלעכן סטיל.

*

איין מאל, ווען ער האט מיך געברענגט אין זיין אויטאמאביל צום רבינ'ס שליט"א בית-המדרש (אויף 770 איסטערן פארקוויי, וואו מיר האבן געהאט יעדן דינסטיק אוונט א שיעור צו לערנען "תניא"), האב איך אים געזאגט, אז איצט האט ער א מעגלעכקייט צו זען דעם רבי'ן שליט"א: ער זאל שטיין ניט ווייט פון דער טיר פון דעם רבינ'ס שליט"א צימער - און ווען דער רבי שליט"א וועט ארויסגיין דאווענען מעריב מיטן מנין, וועט ער אים זען.

ווען מיר האבן געענדיקט דאס לערנען און איך בין גרייט געווען צו גיין אהיים, האב איך אים געטראפן ווארטנדיק אויף

מיר לעבן "770".

– נו, האט איר געזען דעם רבי׳ן? – האב איך אים געפרעגט.

– איך ווייס ניט וואס צו זאגן אייך – האט ער מיר געענטפערט אין ענגליש – איך האב שוין געזען א סך גרויסע מענטשן; איך האב געזען ראזוועלטן, טרומאנען, אייזענהאוערן, און אייניקע גענעראלן, און מיין הארץ האט זיך קיינמאל קיין טרייסל ניט געטאן אנקוקנדיק א גרויסן מענטשן (אזא טיפ מענט איז ער – מ.א.ג.). אבער איצט – זעצט ער פאר – ווען איך האב דערזען דעם "ראבאי", איז געפאלן אויף מיר א גרויסע שרעק... כ׳ווייס ניט גענוי וואס דאס איז – אבער געוויס איז ער פאר מיר צו פיל הייליק! ניין, ס׳איז ניט פאר מיר צו זען דעם "ראבאי"! (א מוסטער פון "יענקישער" פשטות און נאאיווער תמימות...).

---------- * ----------

מוצאי שבת פון קומענדיקן שבת-שובה (ערב יום-כיפור), אזייגער 10 אין אוונט, האט זיך צעקלונגען דאס טיר-גלעקל פ מיין הויז. ווען איך האב געעפנט די טיר, האב איך דערזען שטיין אן אומגעריכטן גאסט – מר. האזינסקי. געווען בין איך דאן גאר שטארק פארנומען (ווי ביי אידן אין זמן פון ערב יו כיפור), כ׳האב אבער אים אויפגענומען מיט דער געהעריקער גוטמוטיקייט און ביי אים אנגעהויבן פאנאנדערפרעגן וואס ער מאכט און אזוי ווייטער. אבער ער האט מיר געענטפערט מיט א קול פון וועלכן עס האט זיך געפילט פארזארגקייט: "ניין, ני ראבאי (אויך מיך האט ער אזוי גערופן), ס׳איז ביי אונז עפע גארניט אין ארדענונג. כ׳בין דא געקומען מיט מיין אינגערן ברודער, מרדכי".

(אגב, דארף מען דא באמערקן, אז מיט זיין ברודער מרד איז מיר געגאנגען א סך שווערער אין דער "ארבעט" – ער האט זיך געהאלטן פאר צופיל "חכם", און האט זיך ניט געלאזט אזו גרינג צו באאיינפלוסן צום גוטן. ס׳האט אפילו ניט איינמאל געטראפן, אז נאכדעם ווי איך האב צו לוי יצחק׳ן גערעדט און ביי אים גע׳פועל׳ט ער זאל זיך אונטערנעמען א גוטן עניין, ה איך אויף מארגן ביי אים דערשפירט א היפשע אפגעקילטקייט אי דעם. אויף מיין פראגע: וואס איז געשען? – האט ער מיט פשט געענטפערט: "מיין ברודער מרדכי האט שוין צוגעזען, אז איי ווערטער, ראבאי, זאלן זיך ביי מיר אויסוועפן...". אבער, געזאגט, איז עס נאר בדרך אגב).

איך האב זיי אריינגערופן אין שטוב. ביידע ברידער זיינען געווען אין א שווערער שטימונג; מרדכי׳ס געזיכט איי געווען פארפינסטערט, פארצאדנט. כ׳האב זיי באלד גענומען אויפמינטערן און געפרעגט וואס איז געשען.



האט מרדכי גענומען דערציילן: מיט א וואך בעפאר האט ער דורכגעמאכט א מעדיצינישע אונטערזוכונג אין "מעדיקאל צענטער" (א גרויסער און בארימטער שפיטאל און מעדיצינישער פארש-צענטער, וואוהין פרעזידענטן און מיניסטארן פון – ממש – דער גאנצער וועלט קומען זיך היילן). דער דיאגנאז פון דער אונטערזוכונג איז געווען גאר ניט קיין גוטער: מ׳האט אויס-געפונען, אז זיין מאגן איז אנגעגריפן פון דער אומגליקלעכער קרענק, ר"ל, און ער מוז וואס גיכער דורכגיין אן אפעראציע. מ׳האט אים דערווייליע געלאזט גיין אהיים, ווייל ס׳איז ניט געווען קיין ליידיקע בעט אין שפיטאל; און מ׳וועט אים צוריק-רופן אין דעם מאמענט ווען א בעט וועט פריי ווערן. אין משך פון דער וואך איז ער געגאנגען פון איין דאקטאר צום צווייטן, ביז ער האט דעם שבת (שבת-שובה) זיך אונטערזוכט ביי א גרויסן דאקטאר-ספעציאליסט אויף דעם געביט. אויך ער האט געזאגט, אז דער דיאגנאז פון "מעדיקל צענטער" זעט אויס צו זיין ריכטיק, אבער דאך קען מען נאך אביסל אפווארטן און דורכפירן נאך "טעסטן". אבער פונקט אין דעם זעלבן טאג האט מען טעלעפאנירט פון "מעדיקל צענטער" שפיטאל, אז ער זאל באלד קומען דורכ-מאכן די אפעראציע. ווען ער האט געענטפערט, אז ער וויל אפ-ווארטן א געוויסע צייט, האבן זיי אים געווארנט, אז זיי נעמען אראפ פון זיך די גאנצע אחריות און ער זאל וויסן מיט וואס ער שפילט זיך... און דערפאר – האט מרדכי האזינסקי אויסגעפירט – איז ער געקומען צו מיר, איך זאל אים געבן א ברכה און אן עצה וואס צו טאן.

– הלוואי וואלט איך געקענט, מיין פריינט, ווי איך וואלט אלץ געטאן צו העלפן אייך! אבער וואס קען איך העלפן? – כ׳בין אן איינפאכער מענטש באגלייך מיט אלעמען – האב איך געזאגט.

– ראבאי – האט ער מיר געזאגט – "פליז", מאכט זיך ניט קליין! רעדט, זאגט עפעס, העלפט!

– כ׳האב פאר אייך איין עצה – האב איך געענטפערט – גייט צום רבי׳ן שליט"א, און וואס ער וועט זאגן זאלט איר טאן. ווי אזוי צו דערגרייכן צום רבי׳ן? – זאלט איר טאן אזוי: גייט צו הרב כאדאקאוו און דערציילט אים די גאנצע זאך. איז אויב ער וועט אייך דערלויבן ארייגצוגיין צום רבי׳ן, איז דאך אוודאי גוט! און אפילו ווען ער וועט אייך זאגן איר זאלט ווארטן מיטן אריינגיין ביז מארגן, ערב יום-כיפור, זאלט איר פאלגן און ווארטן. אבער אויב ער וועט אייך זאגן איר זאלט שרייבן א בריוו צום רבי׳ן – דאן זאלט איר קיינעם גארניט זאגן און שטילערהייט אויסגעפינען וואו דער רבי שליט"א געפינט זיך איצט. אויב דער רבי איז אין זיין חדר אויף "770" זאלט איר זיך אוועקשטעלן לעבן טיר פון זיין חדר, און אז דער רבי וועט ארויס פון חדר זאלט איר זיך ווי געהעריק פארענטפערן, אויסגיסן פארן רבי׳ן אייער ביטער הארץ און בעטן זיין עצה און ברכה. און אז איר וועט האבן עפעס נייעס, זאלט

איר מיר צו וויסן געבן.

זיי זיינען אוועק, און ארום איינס ביינאכט (גענוי 12:45) האב איך זיך דערווארט אויף זייער טעלעפאן-קלונג. האזינסקי'ס ערשטע ווערטער אין טעלעפאן זיינען געווען: "העלאו, ראבאי, אי העוו גוד ניוס פאר יו" (כ'האב גוטע נייעס פאר אייך)...

(ס'איז צו באוואונדערן, ווי גרויס ס'איז די אמונה פשוטה וואס איז פארבארגן אין הארץ פון א פשוט'ן אידן!: ער איז שוין צופרידן, ער האט גוטע נייעס. וואס זיינען די נייעס און פון וואנען די נייעס? - ער האט זיי געהערט פון רבי'ן שליט"א!).

האזינסקי האט דערציילט: אין "מזכירות" האבן זיי גארנ[יט] גע'פועל'ט. הרב כאדאקאוו האט זיי בלויז געראטן צו שרייבן א בריוו. האבן זיי געפאלגט מיין עצה - זיי האבן אויסגעפונען אז דער רבי שליט"א געפינט זיך אין זיין חדר-מיוחד און זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט דערנעבן, אבער גענוג ווייט אז דעם רבינ'ס שליט"א סעקרעטארן זאלן זיי ניט פארטרייבן. אזייגער 12 איז דער רבי שליט"א ארויס פון זיין חדר, ארויסגענומען דעם שליסל פון קעשענע און פארשלאסן די טיר. לוי-יצחק איז באלד צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט: "איך בין מיסטער האזינסקי. און כ'האב א זייער וויכטיקע זאך צו זאגן דעם רבי'ן". דער רבי שליט"א האט ארויסגענומען דעם שליסל, האט אויפגעשלאסן די טיר און זיי אריינגעפירט אין זיין חדר. ווי נאר זיי זיינען אריין אינעווייניק, האט דער רבי א זאג געטאן: "איך האב אייך עקספעקטעט" (דערווארט). נאך דעם ווי מרדכי האזינסקי, דער חולה, האט געענדיקט דערציילן וועגן זיין מצב, האט דער רבי שליט"א געזאגט: כ'האב פאר אייך א מעדיצין - איר זאלט אנהויבן לייגן תפילין, <u>און טאקע פון מארגן אן</u> (האט דער רבי אונטערשטראכן). און איר דארפט ניט האבן קיין אפעראציע, נאר איר זאלט אפהיטן <u>די</u> דיעטע וואס אי[ך] גיב אייך. און איבער דריי וואכן ארום זאלט איר גיין זיך אונטערזוכן ביי דאקטאר זעליגסאן (א גוט-באקאנטע פערזענלעכ-קייט אין קרייז פון 770 - א זייער פרומער מעדיצינער, א חסי[ד] און לומדישער איד). און דער רבי שליט"א האט פאר זיי אויס-געשטעלט א "דיעטע" פון באשטימטע שפייזן.

- דער רבי האט מיט אונז גערעדט א דריי-פערטל שעה - דערציילט ווייטער האזינסקי - און פון אלע זייטן, פון טיר און פענסטער זיינען מיר ארומגערינגלט געווארן מיט נייגערי[קע] מענטשן, וועלכע האבן געוואלט וויסן וואס מיר טוען דא. כ'ק[אן] באמת ניט פארשטיין, וואס עס האט דא אזוי דערוועקט זייער נייגער?

(גיי דערצייל זיי, אז אין די נאכט פון ערב יום-כיפו[ר] נעמט דער רבי שליט"א ניט אויף אפילו דעם גרעסטן גדול; און ס'איז באוואוסט, אז די נשיאי חב"ד זיינען וואך די גאנצע



נאכט פון ערב יום-כיפור, און מען קען זיך פארשטעלן, אז זיי זיינען באשעפטיקט מיט "געוויסע ענינים"... און דא קומען אריין צוויי אזעלכע יונגעלייט און פארהאלטן זיך ביים רבי'ן כמעט א שעה צייט!).

- פאר אונזער אוועקגיין - זעצט פאר מר. האזינסקי - האב איך דערציילט דעם רבי'ן, אז הרב כאדאקאוו האט אונז געזאגט מיר זאלן שרייבן א בריוו, און דער רבי שליט"א האט דערויף געענטפערט אזוי: "ניין, ניין (ס'הייסט, מ'דארף ניט קיין בריוו), איך האב אייך עקספעקטעט היינט ביינאכט איר זאלט קומען צו מיר נאך א מעדיצין - און די מעדיצין איז, איר זאלט לייגן תפילין". דער רבי האט עס איבערגע'חזר'ט דריי מאל: "די מעדיצין איז, איר זאלט לייגן תפילין" (די ווערטער האט מר. האזינסקי מיר איבערגעזאגט אין אידיש. ער קען א ביסל ריידן אידיש).

ווען איך האב אויף מארגן, ערב יום-כיפור בייטאג, גענומען "לעקאח" ביים רבי'ן שליט"א, האט דער רבי מיך פאר-האלטן א ווײלע און געזאגט: "עס זיינען דא ביי מיר געווען די ברידער האזינסקי"... כ'האב אן ענטפער געטאן: "כ'ווייס, זיי האבן מיר טעלעפאנירט". דער רבי האט ביי מיר א פרעג געטאן: "האט ער געלייגט תפילין?" - איך ווייס ניט, האב איך געזאגט, מסתמא האט ער געלייגט. "איר זאלט זען ער זאל לייגן תפילין" - האט דער רבי שליט"א מיר אנגעזאגט.

ריידנדיק שפעטער מיט די ברידער האב איך זיך דערוואוסט, אז מרדכי האט געלייגט תפילין; און אז ס'איז געקומען צו רייד וועגן פאסטן יום-כיפור האט מיר לוי-יצחק פארזיכערט, אז ער וועט פאסטן ווי דער דין פאדערט. דערביי האט ער געזאגט, אז אויך מרדכי וויל פאסטן יום-כיפור. אבער איינער פון די עלטערע חסידישע רבנים האט גע'פסק'נט, ווי דער דין איז, אז וויבאלד דער דאקטאר זאגט אז ער טאר ניט פאסטן, מוז מען אים פאלגן; נאר אויב מעגלעך, זאל דער חולה עסן ווייניקער ווי דער שיעור, און אזוי האט טאקע דער חולה געטאן.

אין זיין אויפגערודערטן צושטאנד האט דער אומגעדולדיקער חולה זיך ניט געקענט איינהאלטן און זיך געווענדן צו דר. זעליגסאן ניט איבער דריי וואכן ארום - ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט - נאר... אויפן דריטן טאג, אויף מארגן נאך יום-כיפור. ווען ער איז אריין אין חדר פון דאקטאר האט ער אים באלד געלאזט וויסן, אז ער איז צו אים געקומען לויטן אנווייז פון רבי'ן שליט"א. אויף דער פראגע פון דאקטאר, וואס האט דער רבי געזאגט, האט דער חולה האזינסקי געענטפערט מיט פארדרוס: ביסט א דאקטאר אדער א חסיד?!!

דאקטאר זעליקסאן האט אים נאכגעגעבן, און אויף אים דורכגעפירט א גרונטיקע אונטערזוכונג און אויסגעפונען, אז דער מצב פון חולה איז אן ערנסטער. אויך ער, דר. זעליקסאן, האט מסכים געווען מיטן "מעדיקל צענטער", אז דער חולה מוז

דורכגײן אן אפעראציע. ערשט דאן האט האזינסקי דער חולה
דערציילט דעם דאקטאר וואס דער רבי האט געזאגט.

– אויב אזוי, איז ווארט צו ביז כ׳וועל פרעגן ביים
רבי׳ן – האט דר. זעליקסאן געזאגט.

בײ האלבער נאכט האט דר. זעליקסאן טעלעפאנירט צו
מרדכי האזינסקי, אז ער האט גערעדט מיטן רבי׳ן אזן ער, דר.
זעליקסאן, ציט צוריק זײנע ווערטער – עס בלייבט ווי דער
רבי שליט"א האט געזאגט. ס׳הייסט: ניט מאכן קיין אפעראציע.
גלייך דערנאך האט מען אויך מיר דאס מודיע געווען טעלעפאניש.
דערבײ האט דער חולה מיר דערציילט, אז פאר די קארגע דרײ
טעג פון ערב יום-כיפור ביז הײנט, האט ער צוגענומען דרײ
פונט וואג – הגם אז ביי דער ביטערער קרענק, ר"ל, פארלירט
מען וואג נאכאנאנד און מ׳דארט-איין אויף א שרעקלעכן אופן
(און דערבײ דארף מען האבן אין זינען, אז יום-כיפור האט ער
כמעט גארניט געגעסן).

עס זײנען פארבײ דרײ-פיר טעג און די האזינסקי׳ס
האבן מיך געבעטן פרעגן ביים רבי׳ן: היות אז די שוועסטער פו
דעם חולה דריקט שטארק אויף אים, אז ער זאל נעמען "עקס-רעי"
בילדער (רענטגען) ביי א גרויסן דאקטאר-ספעציאליסט – צי ווע
דער רבי דערויף מסכים זײן? כ׳האב זיי צוליב געטאן און
געפרעגט ביים רבי׳ן שליט"א, און באלד באקומען פון רבי׳ן
שליט"א אן ענטפער, אז אויב דאס איז אויך <u>זײן</u> ווילן (ניט
בלויז דער שוועסטער׳ס) קען ער עס טאן.

מען האט פונעם חולה גענומען "עקס-רעי"-בילדער, זײ
האבן אבער ניט געוויזן קיין קלארע זאך. האט מען אים דארט
געזאגט, אז ער זאל קומען נאכאמאל דורכמאכן דעם "רענטגען"
איבער זעקס וואכן ארום. אין צווישן האב איך זיי געזען שבת-
בראשית ביים "פארברײנגען" פון רבי׳ן שליט"א (נעמענדיק כו
של ברכה מוצאי שמחת-תורה, האט מיר דער רבי געזאגט כ׳זאל
די האזינסקי-ברידער ברײנגען אין "770" אויף שבת-בראשית).
האבן זיי מיר דעמאלט דערציילט, אז דער חולה האט צוגענומען
אין וואג גאנצע 12 פונט! דערבײ האט מיר לוי יצחק מודה
געווען, אז אין דעם שבת-שובה איז ער אלט געווארן 50 יאר
אז דאס איז דער ערשטער יום-כיפור אין זײן לעבן וואס ער ה
געפאסט און ניט געגרויכערט!

צום באשטימטן טערמין, נאך די 6 וואכן, איז דער חול
ווידער געגאנגען צום גרויסן דאקטאר-ספעציאליסט און מ׳האט
פון אים ווידער גענומען "רענטגען"-בילדער. ס׳איז אבער
פארבײ א שעה נאך א שעה, א סך שעות – און ער האט ניט
באקומען די רעזולטאטן פון די "עקס-רעיס". מרדכי איז געוו
צעטראגן, פול מיט צער און שרעק. ער האט טעלעפאנירט צו מי
אבער כ׳בין ניט געווען אין דער היים. האט ער טעלעפאנירט
הבינ״ס "מזכיר" – און יענער האט אים בארואיקט און פארזיכ
אז אלץ וועט זײן צום גוטן. ערשט אוונט-צײט איז ארויס ד



מעדיצינישער "אורטײל" אויפן סמך פון די בילדער: ניטא אפילו
קיין זכר פון דער מחלה!

דער גרויסער דאקטאר-ספעציאליסט, וואס האט געמאכט דעם
"רענטגען", האט ניט גערוט; ער האט זיך פארבונדן מיטן
"מעדיקל צענטער" און געפרעגט ביי זיי: היתכן? וואס איז עס
מיט זיי געשען? ווי מאכט מען עס אזא גראבן טעות? נאך אן
אינטענסיווער צוויי-וואכנדיקער אויספארשונג האט דער גרויסער
און בארימטער "שפיטאל" און פארש-צענטער אים געענטפערט: זיי
קענען ניט פארשטיין און באנעמען וואס דא האט פאסירט: די
מחלה איז פארשוואונדן!

## א "פשוט'ע שמירעכץ" קען אויך העלפן

הרב ישראל אלטיין, דער דערציילער פון דעם וויטעדיקן סיפור, איז א לאנג-יאריקער ראש-ישיבה, מחנך און עסקן אין דעם תורה-מוסד "ישיבת אחי תמימים" אין פיטסבורג, און צייכנט זיך אויס מיט זיין יראת-שמים, לומדות און גאר באזונדערס מיט זיין מדת האמת.

ווען מיין פאטער ע"ה - דערציילט הרב אלטיין - איז געווען אין עלטער פון ארום 65 יאר, האט ער געליטן פון "מערידיך" און דערפון געהאט גרויסע ווייטיקן. די געוויינלעכע רפואות האבן ניט געהאלפן און דער דאקטאר, ביי וועמען ער האט זיך געהיילט און געפרואווט מילדערן די שמערצן מיט פארשידענע רפואות, איז געקומען צום אויספיר, אז ער מוז דורכמאכן אן אפעראציע. אזוי ארום וועט דער חולה פטור ווערן פון די ווייטיקן.

מיין עלטערער ברודער, הרב מרדכי אלטיין (וואס האט זיך דאן אפגעגעבן מיט אונזער פאטער ע"ה) האט וועגן דעם געשריבן צום רבי'ן שליט"א, און דער ענטפער פון רבי'ן שליט"א איז געווען, אז דער חולה זאל זיך ווענדן צו א צווייטן דאקטאר. ס'הייסט, דער רבי שליט"א האט ניט מסכים געווען, אז דער פאטער זאל זיך לאזן אפערירן, ווייל עס קענען העלפן אנדערע רפואות. דער פאטער האט זיך געלאזט אונטערזוכן ביי אן אנדער דאקטאר. אבער אויך דער צווייטער דאקטאר האט פעסטגעשטעלט, א[illegible] ער זעט ניט קיין אויסוועג ווי צו פארלייכטערן די גרויסע ווייטיקן, נאר סיידן דורך אן אפעראציע.

דער רבי שליט"א איז אבער אויך נאכדעם באשטאנען, אז ע[illegible] דארף זיין עפעס א שמירעכץ וואס קען העלפן און דערביי האט דער רבי שליט"א צוגעגעבן, אז דער פאטער זאל זיך ווענדן צום רבינ'ס פריוואטן דאקטאר. דער פאטער איז געווען ביים דאזיקן דאקטאר - און אויך ער האט געהאט פונקט די זעלבע מיינונג וו[illegible] די פריערדיקע דאקטוירים: די מחלה איז געווען שוין היפש פאר[illegible] שארפט און עס זעט זיך ניט קיין אויסזיכט, אז מ'זאל די ווייטיקן קענען באזייטיקן מיט א זאלב און אנדערע רפואות, ע[illegible] מוז האבן אן אפעראציע.

א געוויסע צייט שפעטער איז מיין ברודער געווען "אויף[illegible] 770" און שמועסנדיק מיט דעם גוט-באקאנטן חסידישן דאקטאר זעליקסאן, האט מיין ברודער אים דערציילט וועגן די ליידן פ[illegible] אונזער פאטער; אז די דאקטוירים האלטן אז קיין שום רפואה-מיטלען זיינען ניט בכח צו היילן און דער איינציקער וועג א[illegible]





אן אפעראציע - און דער רבי שליט"א זאגט, אז ס'מוז זיין א שמירעכץ וואס קען העלפן.

דאקטאר זעליקסאן האט פארגעלייגט, אז מיין פאטער זאל אריינקומען אין זיין אפיס און ער, דאקטאר זעליקסאן, וועט אים אונטערזוכן. מיין פאטער איז געווען ביים דאקטאר זעליקסאן, וועלכער איז על-פי מעדיצין געקומען צום זעלבן אויספיר ווי די אלע אנדערע דאקטוירים: דער איינציקער מיטל איז... אן אפעראציע. נאר ווי באלד דער רבי שליט"א האט געזאגט אז א שמיר-מיטל קען העלפן - וועט ער, דאקטאר זעליקסאן, צושרייבן אזא מין רפואה. לויט זיין מיינונג זאל מען דאס גופא פרעגן ביים רבי'ן שליט"א.

מיין ברודער האט אזוי געטאן און דער רבי שליט"א האט מאקע געענטפערט... אז דאקטאר זעליקסאן זאל פארשרייבן, אזא רפואה, ס'הייסט א שמירעכץ.

מיין פאטער ע"ה האט מיר נאכדעם דערציילט, אז דאקטאר זעליקסאן האט פארשריבן א רעצעפט פאר א געוויסער סארט מעדיצינישער זאלב; מ'איז אוועק מיטן רעצעפט אין אפטייק און געקויפט די שמירעכץ, וואס האט געקאסט גאנצע פינף-און-צוואנציק סענט. דער פאטער האט דערמיט זיך געשמירט איין מאל און א צווייטן מאל - און די שמערצן זיינען... פארשוואונדן, איינגאנצן פארשוואונדן אויף שטענדיק. און ביז זיין לעצטן טאג בעלמא דין האט ער קיינמאל מער פון דעם ניט געליטן.

## "א דאלאר אין האנט אריין...."

די וויטערדיקע פאר סיפורים האט דער פארצייכענער געהערט (בדיוק נמרץ) פון זיין אידעם הרב ש.ה., וועלכער איז א חב"ד-שליח אין א גרויסער שטאט אין פראנקרייך. ער און זיין פרוי (די טאכטער פונעם פארצייכענער) ווייסן צו דערציילן נאך ענלעכע וואונדערלעך מופת'דיקע פאסירונגען. דער פאר-צייכענער אליין איז באקאנט מיט א טייל פערזאנען, וועלכע זיינען פארוויקלט אין די וויטערדיקע געשעענישן.

צווישן די אידישע איינוואוינער פון דער שטאט אין פראנקרייך - וואו די טאכטער און דער אידעם פון דעם פאר-צייכענער ווידמען זייער לעבן צו אויפלעבן און שטארקן דעם רוח פון אידישקייט, תורה און מצוות - געפינט זיך די ספרדיש[ע] משפחה ס. דאס איז א פיינע בעל-הבית'שע משפחה, וואס איז געווארן נאענט צו דער וועלט פון חב"ד און אפגעהיט דעם דרך התורה והמצוות.

דערציילט דער אידעם, הרב ש.ה. וועגן אן איבערלעבונ[ג] אין דער משפחה:

מיט א יאר זיבן צוריק האט אט די משפחה איבערגעלעבט א טראגישע געשעעניש, וואס האט זי אויפגעטרייסלט ביזן גרונט. איינער פון די זין פון דער פאמיליע, א יונגער בחור, איז אראפ פון אידישן וועג און זיך פארבונדן מיט א קריסטלעך מיידל. ווי א דונער אין א לויטערן טאג האט עס געטראפן זיי[ערע] עלטערן, וועלכע האבן זיך ניט געריכט אויף אזא אומגליק. פארשטייט זיך, אז זיי האבן ניט גערוט און געפרואווט מיט אלערליי מיטלען ניט צו דערלאזן, אז זייערס א קינד זאל הייראטן מיט א גויע. דער בחור איז אבער געווען צו טיף פארזונקען און פארפירט פון דער קריסטין און אלץ וואס די משפחה האט געטאן האט ניט געהאלפן.

דער מצב איז געווארן נאך ערגער, ווען דער פארפירטע[ר] בחור האט באשלאסן "פטור צו ווערן" פון דעם שטארקן דרוק פ[ון] דער משפחה - היות ווי זיי "קערן איבער וועלטן" בכדי אפצו[...] רייסן אים פון דער שיקסע, איז ער צוזאמען מיט איר אוועק[...] פון דער שטאט ניט איבערלאזנדיק נאך זיך קיין שום שפור, [...] זיינען ערגעץ פארשוואונדן ווי אין וואסער אריין. דורך כלערליי וועגן און קאנטאקטן האט די משפחה געזוכט צו דער[...] זיך וואו זיי זיינען ערגעץ אהינגעקומען; דורך וואכן און





חדשים האבן זיי געניסטערט, געפארשט געזוכט אין די שטעט און געגענטן פון לאנד - עס האט אבער גארניט געהאלפן - די פאר-שוואונדענע האבן גוט פארמאסקירט זייערע טריט, ביז ס'איז געווען אוממעגלעך צו געפינען זייער וואוינארט.

אין זייער ביטערן צער האבן די עלטערן אפילו געפרואווט צו פארבינדן זיך מיט די עלטערן פון דער קריסטלעכער פארפירערין - אפשר וועלן זיי אויסזאגן וואו די "געמישטע יונגע פאר" געפינט זיך. אבער אויך דאס איז געווען פרוכטלאז. די עלטערן פון דער שיקסע האבן גארניט דערציילט - צי זיי האבן אליין אויך ניט געוואוסט, אדער זיי האבן ניט געוואלט ארויסגעבן דעם "סוד".

אזוי זיינען פארביי לאנגע ביטערע חדשים פאר די עלטערן און די משפחה. די פארצווייפלטע עלטערן זיינען געקומען צו דער החלטה, אז מיט געוויינלעכע מיטלען און נאטירלעכע וועגן איז ניטא קיין אויסזיכטן צו דערגרייכן א ישועה צו זייער אומגליק; מען מוז אנקומען צו הילף פון העכערע ג-טלעכע כוחות. ווי דערמאנט, איז די משפחה נתקרב געווארן צו חב"ד דורך דעם חב"ד-שליח אין זייער שטאט און פיל געהערט וועגן דעם נשיא פון ליובאוויטש, דעם רבי'ן שליט"א - און ווי באקאנט, זיינען אונזערע ספרדישע ברידער באזעלט מיט א באזונדערן חוש און געפיל פון אמונת צדיקים. - האבן די צעווייטיקטע עלטערן באשלאסן צו ווענדן זיך צום רבי'ן שליט"א, האפנדיק און גלויבנדיק, אז אט-דער גרויסער צדיק וועט העלפן צו געפינען דעם פארלוירענעם זון, אים אפרייסן פון דער גויע און צוריקקערן צום שורש פון אידישן פאלק.

ב.

דער פאטער און מוטער פון "פארפאלענעם" זון האבן ניט געוואלט זיך באנוגענען מיט שרייבן בריוו צום רבי'ן שליט"א, נאר צו איבערגעבן אים פערזענלעך זייער בקשה. אין יענער צייט האבן נאך אידן געהאט דעם זכות און די מעגלעכקייט אריינצוגיין צום רבי'ן שליט"א אויף "יחידות". זיינען די עלטערן געפארן קיין ברוקלין (אויף די ימים-טובים פון חודש תשרי) און האבן טאקע זוכה געווען אריינצוגיין פערזענלעך אויף יחידות צום רבי'ן שליט"א.

דעם גאנצן אנגעזאמלטן צער און ווייטיק האבן די עלטערן אויסגעגאסן פאר דעם רבי'ן שליט"א, דערציילנדיק וועגן דעם אומגליק מיט זייער זון וועגן זייערע אלע פרוכטלאזע באמיאונגען צו געפינען אים און מיט גרויס תחנונים געבעטן דעם רבי'ן שליט"א, ער זאל זיי בענטשן און ברענגען א ישועה אין דער צרה.

דער רבי שליט"א האט זיי געמוטיקט, זיי געגעבן זיין ברכה אז השי"ת וועט זיי געווים העלפן. דערביי האט דער רבי שליט"א זיי געגעבן א פאפירן דאלאר און זיי געזאגט מיט א

באטאנונג אין זיינע ווערטער, אז זיי זאלן אט דעם דאלאר איבערגעבן פערזענלעך זייער זון אין האנט אריין...

הגם זיי זיינען געווען פאר'חידוש'ט - ווי אזוי זאלן זיי עס איבערגעבן דירעקט צום זון אין האנט, בעת זיי קענען בשום-אופן ניט דערגרייכן וואו ער געפינט זיך? - דאך זיינען זיי געווען געגוג "חסידיש" און פול מיט יראת הכבוד, אז זיי האבן ניט געפרעגט ביים רבי'ן שליט"א ווי אזוי זיי זאלן איבערגעבן דעם דאלאר צום זון.

אבער קומענדיק צוריק אין זייער היימשטאט האבן זיי וועגן דעם רבינ'ס ענטפער דערציילט דעם חב"ד-שליח און פאר אים איסגעדריקט זייער פארוואונדערונג: ווי אזוי קענען זיי אויספירן דעם אנזאג פון דעם גרויסן צדיק און איבערגעבן צום זון דעם דאלאר?

דער חב"ד-שליח, הרב ש.ה., האט זיי אויפגעקלערט, אז דאס גופא, וואס דער רבי שליט"א האט זיי אזוי אנגעזאגט איז א באווייז, אז איצט וועלן זיי יא האבן הצלחה און געפינען דעם אנטרינונגס-ארט פון זייער זון (אין דער חסידישער שפראך הייסט עס א "נתינת-כח" - דערמיט האט דער רבי שליט"א געגעבן דעם כח און די הילף צו מצליח זיין אין זייער זוכן). דעריב[ער] האט דער חב"ד-שליח געזאגט, מוז מען שוין באלד אנהויבן ווידער זוכן דעם פארשוואונדענעם זון און אויספירן דעם אנווייז פון רבי'ן שליט"א.

מיט אן אויפגעפרישטן געפיל פון אמונה און בטחון האב[ן] די עלטערן זיך ווידער גענומען צו דער "ארבעט" פון נאכפרעג[ן] זיך און נאכפארשן די באהעלטעניש פון זייער זון. - און נאך א געוויסער צייט איז זייער מי געקרוינט געווארן מיט הצלחה זיי האבן זיך דערוואוסט, אז זייער זון מיט זיין גוייש ווי[ב] געפינען זיך אין א פארווארפענעם ארטשאפט אין דער "בריטאן" געגנט פון פראנקרייך, ביז זיי זיינען דערגאנגען דעם גענוי[ען] ארט וואו זיי וואוינען.

דער פאטער פון דעם דאזיקן זון איז באלד אהין געפארן און זיך דערשלאגן צום זון. עס האט אים דארט דערווארט גאר ניט קיין פריילעכע בשורה: דער זון לעבט דארט נאך אלץ מיט דער גויע און זיי האבן שוין במשך פון דער צייט געהאט דריי קינדער - דריי קליינע גויים... דאך האט אים געשטארקט די האפענונג, דער גלויבן אין די רייד פון רבי'ן שליט"א.

דער פאטער האט פינקטלעך אויסגעפאלגט וואס דער רבי ה[אט] אנגעזאגט - ער האט דעם זון איבערגעגעבן אין האנט דעם דאלא[ר] און אים געזאגט, אז דאס האט אים איבערגעשיקט דער הייליקע[ר] צדיק פון ליובאוויטש. דער פאטער האט אפגעטאן, וואס ער האט געדארפט טאן און איז צוריקגעפארן אהיים מיט א טרייסטנדיק געפיל, אז געוויס וועט דערפון ארויסקומען א ישועה.

מיט צאפלענדיקע הערצער האט די משפחה געווארט אויף [...]



גוטן מאמענט, געווארט און... זיך דערווארט! ווידער זיינען פארביי טעג און וואכן - און אין א געוויסן טאג איז עס געשען: די טיר פון זייער הויז האט זיך געעפנט און דער פארפירטער זון איז אריין אין שטוב. ער האט זיך געוואנדן צום טאטן און געזאגט:

- נו, מיר קענען איצט זאגן "לחיים"... איך האב מיט איר איבערגערעדט, איבערגעריסן, אינגאנצן און אויף שטענדיק...

יא, ס'איז טאקע געווען פונקט אזוי: די גוישע משפחה איז איבערגעבליבן דארט ערגעץ אין ווייטן "בריטאן" און דער זון געפינט זיך עד היום אין הויז פון די עלטערן און האט זיך דערנענטערט צום דרך פון תורה און מצוות.

## די ברכה איז מקויים געווארן במילואה

מיט ארום צוויי יאר צוריק, אלול-צייט - דערציילט הרב ש.ה. (דער איידעם פונעם פארצייכענער) - האט מיך אפגערופן טעלעפאניש איינער א איד, א יונגערמאן, מ.א., און געזאגט, אז ער מוז מיט מיר דורכריידן זיך וועגן אן ערנסטן עניין.

דער דאזיקער יונגערמאן און זיינער א ברודער, ביידע גאנץ פרומע אידן, זיינען די אייגנטימער פון א האנדלס-פירמע, וואס קויפט און פארקויפט פארשידענע סארטן קליידער, ווי דזשאקעטן, סוועטערס אד"ג, פון א מאדערנעם שניט.

זייך פראבלעם איז באשטאנען אין דעם, וואס יענעם יאר האט דער שטייער-אמט פון דער פראנצויזישער מלוכה "גענומען אויפן צימבל" זייער געשעפט (ווי ס'איז דער שטייגער, אז פון צייט צו צייט פירט דורך דער שטייער-אמט א שטרענגן קאנטראל פון דער אדער א צווייטער געשעפט-אונטערנעמונג). די שטייער-אפטיילונג האט אינעם געשעפט אריינגעשיקט ספעציעלע באאמטע, וועלכע האבן דורכגעפירט אן אויספארשונג פון די פאפירן, טראנזאקציעס אא"וו. נאך טעג פון קאנטראלירן און אויספארשן האבן די באאמטע אפגעשאצט, אז דאס געשעפט פון די צוויי ברידער איז שולדיק דער מלוכה א ריזיקע סומע אין שטייערן - ארום ח. פיר-פינפטל פון א מיליאן דאלאר! און די סומע וואס די שטייער-אפשאצער באשטימען ווערט דורכן געזעץ אנערקענט שטייער-פליכט וואס מוז באצאלט ווערן. אמת, מ'קען אפעלירן און בעטן א צווייטן קאנטראל, עס זיינען אבער דא שוואכע אויסזיכטן, אז דער צווייטער אפשאץ וועט זיין בעסער פונעם ערשטן.

האט דער יונגערמאן מ.א. זיך געקלאגט פאר מיר, אז אט דאס איז פאר זיי א גאר ביטערע גזירה; אז אזא ריזיקע סומע איז פאר זיי ממש אוממעגלעך צו באצאלן; און אז אויב דער דאזיקע שטייער-חוב וועט פון זיי ניט אראפגענומען ווערן, וועלן זיי פשוט זיין געצוואונגען איבערצולאזן אלץ-מיט-אן-אנדער און אנטלויפן פון לאנד.

וואס האבן זיי פון מיר געוואלט? היות זיי האבן געהער אז אידן ווערן געהאלפן אין אלערליי נויטן און צרות דורך ד ברכה און עצה פון דעם רבי'ן שליט"א - טא ווילן זיי אויך געהאלפן ווערן דורך דעם רבי'ן שליט"א. און דער יונגערמאן האט מיך שטארק געבעטן כ'זאל שרייבן וועגן זייער לאגע צום רבי'ן און אויסבעטן ביי אים א ברכה אז זיי זאלן פטור ווער פון דער "טעקס"-גזירה.

דעם אמת געזאגט, איז מיר זייער ניט באקוועם געווען דערפילן זייער בקשה: ס'איז טאקע ניט שייך צו אפמעסטן וועל און אויף וויפל אידישע ליידן און יסורים זיינען נוגע דעם רבי'ן שליט"א - אבער דאך האנדלט זיך עס אין א דעליקאטן ענ





פון מלוכה שטייערן... און דערצו איז עס דאך דורכאויס א געלט-פראבלעם.

איבערטראכטנדיק די זאך איז מיר איינגעפאלן, אז ווען מען פארבינדט די פראבלעמען מיט אן עניין פון צדקה און מעשים טובים, וועט זיין א סך לייכטער צו שרייבן וועגן דעם צום רבי'ן שליט"א און בעטן זיין ברכה אויף דעם. און כ'בין זיך מודה, אז דער געדאנק האט מיך דערפירט צו דעם, אז אויך מיינע אן אונטערנעמונג זאל דורכדעם א ביסל געהאלפן ווערן:

אין יענע טעג האב איך געהאלטן ביים אויפשטעלן אין שטאט א נייעם מוסד - דעם קינדערגארטן וואו אידישע קינדער ווערן דערצויגן און בעלערנט על טהרת הקודש. עס האבן זיך דערצו געפאדערט גאנץ גרויסע סכומים און מיינע רעסורסן זיינען געווען זייער מאגערע, כ'האב זיך געפונען אין א גרויסן פינאנציעלן קלעם.

האב איך לסוף געזאגט דעם יונגערמאן מ.ח. אז איך בין גרייט נאכצוגעבן זייער בקשה און שרייבן וועגן זייער פראבלעם צום רבי'ן שליט"א, מיטן באדינג, אז אויב זיי וועלן געהאלפן ווערן, זיינען די ברידער גרייט צו נעמען אויף זיך צו דעקן די קאסטן פון א שטענדיקן לערער-מחנך פונעם קינדערגארטן, וואס האט צו יענער צייט באטראפן ארום זעקס הונדערט דאלאר א חודש. און כ'האב אים געזאגט, אז נאר דורך פארבינדן זייין בקשה מיט אזא התחייבות צו שטיצן א חינוך-מוסד וועט מיר זיין מעגלעך צו שרייבן וועגן זייער שווערן מצב צום רבי'ן.

דער יונגערמאן האט מיר געזאגט, אז ער וועט זיך באראטן וועגן מיין פארשלאג מיט זיין ברודער דעם שותף. און נאכדעם ווי זיי האבן ביידע איינגעשטימט צו מיין הצעה, האב איך אנגעשריבן וועגן דעם אלעם צום רבי'ן שליט"א.

עס האט קיין סך צייט ניט געדויערט און ס'איז אנגעקומען אן ענטפער פון רבי'ן שליט"א, אז זיי, די ברידער-שותפים, זאלן בודק זיין די מזוזות, די תפילין און אויך א ברכה (אין דעם באוואוסטן נוסח "אזכיר על הציון").

די ברידער-סוחרים האבן באלד מקיים געווען דעם אנזאג פון רבי'ן שליט"א וועגן בודק זיין די מזוזות און תפילין. איינער פון זיי האט אפילו ניט געוואלט בודק זיין זיינע "אלטע" תפילין און געקויפט תיכף א נייע פאר תפילין, זאגנדיק, אז וויבאלד דער רבי שליט"א זאגט מ'זאל זיי בודק זיין, איז ווארשיינלעך עפעס ניט אין ארדענונג מיט זיי. טא איז בעסער קויפן נייע כשר'ע תפילין.

ב.

עס איז פארביי א היפשע צייט פון זינט דער שטייער-אמט פון דער פראנצויזישער רעגירונג האט ווידעראמאל נאכקאנטראלירט די געשעפטן פון די ברידער'ס פירמע, ביז די ברידער האבן פון

דאזיקן אמט באקומען א קאנקרעטן באשלוס וועגן דעם שטייער-חוב
אבער אויך נאכדעם ווי זיי האבן באקומען דעם ענטפער, האבן
זיי וועגן דעם מיר גארניט געזאגט. איך האב זיך וועגן דעם
דערוואוסט פון א זייטיקן קוואל. האב איך זיך געוואונדערט
הלמאי זיי פארהוילן עס פון מיר. ווייל געהערט האב איך, אז
דער באשלוס פון דעם שטייער-אמט איז געווען א צופרידנ-
שטעלנדיקער. און וויבאלד דעם רבינ׳ס ברכה האט געהאלפן, טא
וואו איז זייער פארפליכטונג פארן קינדערגארטן?

האב איך זיך ניט געפוילט און זיך פארבונדן מיט די
ברידער: היתכן? פארוואס הער איך פון זיי גארניט?

די ברידער האבן צוגעגעבן, אז ס׳איז טאקע אמת, דער
שטייער-אמט האט זיי באוויליקט א גאר גרויסע הנחה און
באשטימט א נייעם שטייער-סכום וואס איז בלויז א פינפט-חלק
פונעם ערשטן סכום. זיינען זיי מודה מיטן פולן הארצן אז די
ברכה פון רבי׳ן שליט"א האט געהאלפן - אבער ביים אננעמען
אויף זיך צו שטיצן חודש׳לעך דעם קינדערגארטן האבן זיי ניט
דאס געמיינט... זיי האבן געהאט אין זינען צו נעמען אויף זי
די התחייבות נאר ווען זיי וועלן פטור ווערן פון דעם גאנצן
שטייער-סכום...

מ׳קען ניט זאגן, אז מיר האט עס ניט פארדראסן: נאך
אלעמען האט אט די גרויסע "טעקס"-הנחה מיט זיך פארגעשטעלט
גרויסע ישועה פאר זיי. וויבאלד אבער זיי זיינען באשטאנען
אויף זייער טענה, האב איך ניט געוואלט זיך ארייינלאזן אין
לאנגע וויכוחים און דינגעגנישן מיט זיי.

ג.

עס איז ווידער פארביי א משך זמן און דער ענין איז ב
מיר כמעט ארויס פון געדאנק. אבער אין א געוויסן טאג האט מ
מיר אין הויז מודיע געווען, אז איינער פון די ברידער האט
טעלעפאנירט (אייניקע מאל) און געזאגט, אז ער מוז מיך זען.
עס האט מיך א ביסל גע׳חידוש׳ט: וואס ווילן די ברידער פון
מיר? וואס איז פלוצים געשען? נו, האב איך געטראכט, זאלן
איצט מיר זוכן...

און די ברידער האבן מיך טאקע "אויפגעזוכט" און געל
וויסן, אז די ברכה פון רבי׳ן שליט"א איז דערפילט געווארן
אין דער פולסטער מאס און אויפן וואונדערלעכסטן אופן! אומ
געריכטערהייט איז פון שטייער-אמט אנגעקומען א דריטע מעלד
אז זייער געשעפט ווערט פולשטענדיק באפרייט פון דעם פריער
באשטימטן שטייער! קיין איין פרוטה דארפן זיי ניט צאלן פו
יענעם חשבון!

און וויבאלד אזוי, האבן זיי מיר געזאגט, ווילן זיי
אנהויבן מקיים זיין זייער פארפליכטונג צום קינדערגארטן א
דערפאר האבן זיי מיך געוואלט זען. דערביי אבער האבן זיי



געפרואווט אראפדינגען פון דעם פריער צוגעזאגטן סכום, היות
ס׳איז פאר זיי גאנץ שווער צו געבן מאנאטלעך אזא סומע. זיי
האבן געוואלט כ׳זאל מסכים זיין אויף א דריטל, אויף א העלפט
דערפון.

אבער דא האב איך זיך אנגענומען מיט תקיפות און ניט
נאכגעגעבן און געזאגט: וויבאלד כ׳האב די דאזיקע סומע מודיע
געווען אין מיין בריוו צום רבי׳ן, האב איך ניט קיין רשות צו
אראפלאזן דערפון. בפרט, אז דעם רבינ׳ס ברכה איז אזוי בולט
און פולקאם מקויים געווארן - איז דאך ניט מער ווי רעכט, אז
אויך זיי זאלן פולקאם אויספירן זייער צוזאג... און די ברידער
האבן גאנץ גיך צוגעגעבן, אז איך בין גערעכט. זיי האבן
געפונען אן אויסוועג ווי אזוי צו שאפן די צוגעזאגטע סומע
פארן קינדערגארטן, אריינגעמענדיק אין דעם התחייבות-"פעקל"
זייערע אנדערע ברידער, וועלכע זיינען אויך געווען פאר-
מעגלעכע געשעפטסלייט.

בקיצור: איך משך פון די חדשים און יארן זינט דאן
(הלואי אויף ווייטער!) היטן אפ די ברידער זייער פארפליכטונג
אויף א מעסטערהאפטן אופן און שיקן אריין מדי חודש בחדשו דעם
פולן געהאלט פון א לערער אין קינדערגארטן.

דאס און נאך עפעס: ביי יעדער געלעגנהייט דערציילן זיי
פאר ידידים און באקאנטע וועגן דעם אפענעם און וואונדערלעכן
אופן ווי זיי זיינען געהאלפן געווארן דורך דער ברכה פון
רבי׳ן שליט"א. און "כטוב לב" האט מיר איינער פון די ברידער
אנטפלעקט נאך א וואונדער: א דאנק די ברכה פון רבי׳ן שליט"א
זיינען זיי ניט בלויז פטור געווארן פון דער שטייערן-גזירה;
זיי האבן געשפירט די גוטע ווירקונג פון די ברכה אויך אויף
ווייטער, אז אין דער צייט ווען ענלעכע גרויסע געשעפטן איך
פראנקרייך האבן אנגעהויבן ליידן פון עקאנאמישע קריזיסן און
נידערגאנג, האט זייער געשעפט דוקא געבליט און געוואקסן...

## דער אמת'ער באדייט פון צוויי ווערטער

די ווייטערדיקע דערציילונג איז
פארשריבן "פון מויל" פון הרב מ.פ.,
וואס האט דערציילט נאך א וואונדער-
פאסירונג – אי"ה ביי א צווייטער
געלעגנהייט.

אין יאר תש"ל – דערציילט הרב מ.פ. – איז אין אונזער מוסד אנגעקומען א מיידל פון קאליפארניע, מיט דייער א ביטער פראבלעם (טאקע געליטן פון א צרה מיטן "ביטערן טראפן"): שוי[illegible] אכט יאר אז זי איז אן אלקאהאליקערן, אין פשוט'ן לשון: א שיכור'טע. זי האט זיך אריינגעלאזן אין "טרינקען" אלט זייענדיק 14 יאר. צו יענער צייט האט זי באשלאסן צו דער-נענטערן זיך צו אידישקייט און זיך דערווייטערן פון'ם שיכור[illegible] – אויפהערן טרינקען.

און ווירקלעך – געפינענדיק זיך אינעם מוסד, האט זי ארום א חודש צייט זיך אפגעהאלטן פון טרינקען. אבער ביים סו[illegible] חודש האט זי גענומען ליידן פון פיזישע יסורים – זי פלעגט אפט זיך באגיסן מיט א קאלטן שווייס; עס האבן איר גענומען ציטערן הענט און פיס, זי האט זיך געטריסלט ווי אין קאנוואולסיעס – אומדערטרעגלעכע ליידן. זי האט דערפילט, אז זי קען מער ניט אויסהאלטן – איז זי אין א געוויסן טאג אווע[illegible] אין א משקאות-קראם, געקויפט א פלאש "משקה" און גייענדיק צוריק האט זי "אויסגעליידיקט" די פלאש.

קומענדיק צוריק אין מוסד איז זי געווען שרעקלעך פארביטערט און צערודערט צוליב דעם וואס זי האט געטאן, אז זי[illegible] האט באשלאסן צו מאכן א סוף... זי האט גענומען א מעסערל און[illegible] זיך אויפגעשניטן די בלוט-אדערן. צום גליק האט מען זי אין קורצן געפונען א פארבלוטיקטע אין קארידאר. מען האט זי באלד[illegible] אוועקגעפירט אין שפיטאל אינעם אפטייל פון פסיכיאטרישע קראנקייטן.

די פירערשאפט פונעם מוסד האט ניט געקענט באשליסן וו[illegible] ווייטער צו טאן מיטן מיידל: צי זאל מען זי לאזן זיך היילן אין שפיטאל, אדער אפשר איז גלייכער אפצושיקן איר אהיים, צו[illegible] איר משפחה? ס'איז געווען דאס ערשטע מאל אזא סארט געשעעניש אינעם מוסד. האט מען עס געשריבן צום רבי'ן שליט"א און געפרעגט ווי מ'זאל זיך פירן.

ס'איז אנגעקומען פון רבי'ן שליט"א אן ענטפער, וואס איז באשטאנען פון צוויי קורצע ווערטער: "שייך להורי'" – ס'הייסט, דאס געהערט צו אירע עלטערן... די פירער פון מוסד האבן פונעם ענטפער באקומען, אז מ'דארף דאס מיידל צוריקשיק[illegible]






צו די עלטערן. כ'בין אוועק מיטן דאזיקן באשלוס צום מיידל אין שפיטאל און איר געזאגט, אז מ'וועט איר געבן א בילעט אהיימצופארן און די עלטערן וועלן זיך שוין פאר איר זארגן און טאן אלץ וואס מ'דארף.

דאס מיידל האט האסטיק אפגעענטפערט: ניין, ניין! מ'טא[illegible] עס ניט טאן! זי קען בשום-אופן ניט צוריקפארן אהיים אין איר צושטאנד... ווייל איך טאטע וועט עס ניט אויסהאלטן. איר פאטער – האט זי מיר דערציילט – איז דייער א געליטענער, א צעבראכענער, איבערלעבנדיק די גרויליקע "טויט"-לאגערן אין דער מלחמה; ער איז שוואך און ליידט אויפן הארצן – און ער ווייסט ניט פון דער צרה, אז זי איז א שיכור'טע. דער טאטע מיינט נעבעך, אז זי איז ביי אים דאס איינציקע פיינע קינד וואס פירט זיך לייטיש; מחמת די אנדערע קינדער זיינען איינגאנצן ניט אין ארדענונג, אראפ פון וועג, נעמען "דראגס" א"ו. זי איז ביי אים, הייסט עס, דאס איינציקע ביסל נחת. ווען מ'זאל אים דערציילן, אז זי איז א קראנקע אלקאהאליקערין, וועט ער עס ניט איבערטראגן. ס'איז א פראגע פון סכנת נפשות.

ביי אונז, די אנפירער פון מוסד, איז אויסגעקומען אז זי טרייבט איבער, די איז מגזם. האבן מיר זיך פארבונדן מיט א געוויסן חב"ד-שליח אין קאליפארניע, און דערציילט די טרויעריקע געשיכטע מיטן מיידל און אים געפרעגט צי ער וועט קענען זיך פארשטענדיקן מיט די עלטערן פון מיידל און זיי איבערגעבן וועגן איר שווערן צושטאנד.

דער "שליח" פון קאליפארניע האט געענטפערט, אז ער קען דעם פאטער פון מיידל, אבער אויך דער "שליח" האט געזאגט, אז דער פאטער איז שוואך אין געזונט, ער ליידט אויפן הארצן און אז דאס אנזאגן אים וועגן דעם אומגליק מיט זיין טאכטער איז פשוט א פראגע פון שפיכת-דמים. אזוי ארום, האט דער שליח געזאגט, איז ער ניט גרייט אים איבערצוגעבן אזא ניט-גוטע בשורה; ער וויל אויף זיך ניט נעמען די אחריות פאר די געפערלעכע קאנסעקווענצן פון אזא אנזאג.

מיר האבן ווידער ניט געוואוסט וואס צו טאן, ווי צו האנדלען מיטן קראנקן מיידל. איז ביי אונז געבליבן, אז מיר זאלן עס פרעגן ביים רבי'ן שליט"א. האט דער פירער פון מוסד הרב פ. טעלעפאנירט צו הרב כאדאקאוו (דער אנפירער פון רבי'נ'ס שליט"א "מזכירות"), אים איבערגעגעבן די גאנצע מעשה און געבעטן ער זאל דאס מברר זיין ביים רבי'ן שליט"א. ריידנדיק אזוי טעלעפאניש מיט הרב כאדאקאוו האב איך געהערט נאך א קול – דער קול פון רבי'ן שליט"א וואס האט אינצווישן אויפגעהויבן דאס טעלעפאן-טרייבל – און דער רבי שליט"א האט א זאג-געטאן:

– שוין אכט יאר און דער טאטע ווייס ניט?!

דערביי האט שוין הרב כאדאקאוו פארגעזעצט און אויס-געטייטשט: ווי איז דאס מעגלעך, אז פאר די גאנצע אכט יאר זאל דער פאטער ניט וויסן דעם מצב פון דער טאכטער?

הרב פ. האט פון דער זייט ליניע גענומען אויפקלערן, אז די טאכטער האט זיך ניט געפונען אין דער היים און האט מערסטנס געהאט א פארבונד דורך ברייוו - און ביים שרייבן האט זי, הייסט עס, אויסגעמיטן צו לאזן וויסן וועגן איר ביטערן צושטאנד...

נאך אייניקע מינוטן פונעם ווייטערדיקן שמועס האט זיך ווידער דערהערט אין טעלעפאן דער קול פון רבי'ן שליט"א און נאכאמאל כמעט מיטן זעלבן לשון:

- אבער אכט יאר און דער טאטע ווייסט ניט?!

נאכדעם וואס מיר האבן געהערט פון רבי'ן שליט"א זיינע מיר געקומען צו דער החלטה, אז מ'דארף דאס מיידל אהיימשיקן. אזוי האבן מיר פארשטאנען פון דעם רבינ'ס שליט"א דווערטער.

איך בין באלד געפארן צום שפיטאל, און געזאגט צום מיי אז די זאל שוין פון דארט אפרופן טעלעפאניש דעם טאטן און אי זאגן, אז זי קומט אהיים. דאס איז דער ריכטיקער וועג - אזוי האלט דער רבי שליט"א און אזוי מוז זי טאן.

מיר זיינען צוגעקומען צום טעלעפאן-ביידל; איך בין אפ געגאנגען אין א זייט און דאס מיידל האט טעלעפאנירט אהיים. עס זיינען אדורך אייניקע מינוטן - און ווען דאס מיידל איז נאכדעם צוגעקומען איז זי געווען ווי גאר א נייער מענטש - מיט אן אויפגעלעבטן געמיט און א מונטערן פנים.

און דאס מיידל דערציילט: זי האט זיך אנגענומען מיט שטארקייט און דרייסטקייט און אויפגעדעקט פארן טאטן איר טראגישן צושטאנד: "ווייסט איר וואס דער טאטע האט געענטפערט - ער האט געזאגט גאנץ פשוט און קלאר - ער ווייסט דערפון... יא, ער ווייסט!" ער ווייסט שוין פון לאנג וועגן איר פראבל אוי, ווייסט ער - ער איז דאך איר טאטע! ער האט אבער ניט געוואלט דערפון און גארניט געטאן, ווייל ער איז פשוט מאכטלא הילפלאז און ווייסט ניט וואס ער זאל טאן און ווי ער זאל העלפן זיין טאכטער. הערנדיק וועגן איר גרייטקייט צו פארן אהיים, האט איר דער טאטע געזאגט, אז ער זעט ניט קיין תכלי אין איר קומען אהיים. וואס קען ער, דער טאטע, דא אויפטאן? פארקערט: וויבאלד אזעלכע געטרייע און פיינע ראבאיס פארנעמ זיך מיט איר, זי היילט זיך דארט אין שפיטאל און געפינט זי אונטערן אויפזיכט פון גוטע דאקטוירים און... פון אזא ראבא - טא זאל זי דארט בלייבן און זיך פולקאם אויסהיילן. ער פ זיין זייט וועט טאן וואס ער קען - ער וועט באצאלן די מעדיצינישע קאסטן אא"וו...

און מערקווירדיק: זי האט זיך געהיילט ביי א דאקטאר, פסיכיאטאר, וואס האט זי אונטערזוכט לאנגע שעות מיט פסיכיאטארישע מיטלען די אויסגעפארשט בכדי צו דערגיין דעם מקור, דעם ווארצל, וואס האט זי געטריבן צום טרינקען. האט דער דאקטאר אונז דערציילט, אז ענדלעך האט ער ביי איר ארוי



געטאפט דעם סאמע הויפט-פונקט וואס האט איר די גאנצע צייט געדריקט - און די מעשה איז אט וואס:

דעם ערשטן מאל, ווען זי האט זיך גאר יונג שטארק אנגע'שיכור'ט, האט זי זיך געפונען ביי א חבר'טע אין הויז. האבן אירע פריינדינס איר צוגערעדט, אז אין אזא צושטאנד זאל זי ניט גיין אהיים, נאר איבערנעכטיקן אין איר חבר'טעס הויז. זי אליין איז אבער באשטאנען, אז זי מוז דוקא אהיים גיין. ס'איז געווען שפעט ביינאכט זי איז ווי-עס-איז געקומען א היים, געעפנט די טיר און ארייגעייענדיק אין פארהויז האט זי זיך פארטשעפעט אין א קעסטל מיט שירעמס, שטעקנס און אנדערע חפצים. דאס קעסטל האט זיך איבערגעדרייט, די שירעמס זיינען צעפאלן מיט א קלאפ און אויך זי אליין איז אומגעפאלן אויפן דיל. פונעם גערודער האבן זיך די עלטערן אויפגעוועקט פון שלאף אין זייער שלאפצימער אויפן צווייטן שטאק. זיי זיינען ארויס צו די שטיגן און זעענדיק אז מיט דער געפאלענער טאכטער איז אלץ אין ארדענונג - זי האט זיך בלויז געשטרויכלט צוליבן קעסטל - זיינען זיי צוריק אוועק אין זייער צימער און דאס מיידל... איז געבליבן אליין... א געפאלענע - אויף טעג און יארן...

אייגנטלעך, הייסט עס, איז אט דער "קליינער" אינצידענט געווען דער עיקר-בראך: יענע איבערלעבונג ביינאכט ביים שוועל פון איר הויז דריקט און צעדריקט נאכאנאנד איר געמיט ביז צום טרייבן זי כסדר צום טרינקען. דער פסיכיאטאר האט ביי איר ארויסגעקראגן פון איר טיפערן באוואוסטזיין, אז אייגנטלעך האט זי ניט צופעליק צוליב איר שכרות זיך פארטשעפעט אינעם קעסטל און ניט-ווילנדיק געפאלן צוזאמען מיטן קעסטל, נאר זי האט עס געטאן בכיוון; זי האט בפירוש געוואלט מאכן דעם גערודער אין הויז, בכדי ארויסצורופן די אויפמערקזאמקייט פון די עלטערן. זאלן זיי וויסן אז זי איז ארייגעפאלן אין שכרות און העלפן איר אין דער צרה! זי האט אן עלנטע און איינזאמע זיך געצאפלט אין דער גיפטיקער נעץ פון שכרות - א דערשראקענע, א הילפלאזע - האט זי געוואלט אז איר טאטע-מאמע זאלן זי "נעמען אין די הענט" און די ראטעווען. און דערפאר האט זי באלד ביים אריינקומען אנגעמאכט דעם גרויסן טומל - ס'איז געווען איר שטומער געשריי צו די עלטערן נאך הילף. אבער ווען טאטע-מאמע האבן זיך רואיק צוריקגעקערט אין זייער חדר - האט עס איר אזוי צערודערט, אזוי צעווייטיקט ביז פארצווייפלונג, ביז זי האט זיך אינגאנצן פארלוירן און אלץ מער געזונקען אין שכרות...

אזוי ארום איז געווען קלאר, אז בעת זי האט וועגן זיך דערציילט דעם טאטן און האט פון אים געהערט אזעלכע רייד: וודאי ווייס איך טאכטערקע - איך ווייס זייער גוט וועגן דיינע ליידן! כ'ווייס, כ'בין דאך א טאטע, דיין טאטע, וואס עבט אזויפיל איבער פאר דיר... וואס מיינסטו, אז דו ביסט אליין אויף דער וועלט? אבער, טאכטער מיינע, די צרה איז

געווען אליין פארלוירענע און ניט געוואוסט ווי מ'זאל דיך העלפן - און ווען זי האט דאס דערהערט איז ביי איר ווי צעגאנגען דער ווייטיקדיקסטער קנויל אין הארצן; דעם טאטאנס רייד האבן באזייטיקט דעם סם-ווארצל אין איר געמיט, וואס איז געווען די טרייב-קראפט פון איר טרינקען. איז במילא די הויפט-פראבלעם שוין געווען געלייזט און ס'איז געבליבן בלויז צו העלפן איר ברעכן די טרינק-געוואוינהייט... און דאס איז שוין פיל לייכטער - ווי דאס איז טאקע געשען אין דער ווירקלעכקייט.

און ערשט דאן האבן מיר ווי געהעריק באנומען דעם ריכטיקן באדייט פון דעם רבינ'ס צוויי ווערטער אין זיין ערשטער ענטפער: "שייך להורי'" - זיי האבן ניט בלויז געמיינט אז די עלטערן דארפן זיך באשעפטיקן מיט דער קראנקער טאכטער (דערויף זיינען דא אנדערע אויסדרוקן); דעם רבינ'ס ווערטער האבן געצילט אינעם עצם פראבלעם און סיבה פון איר "מחלה", אז איר הויפט-בראך האט א שייכות און פארבונדן מיט אירע עלטערן - מיט איר מיינען אז אירע עלטערן ווייסן ניט פון איר מצב און זי איז עלענט און איינזאם אויף דער וועלט. און דעם רבינ'ס שליט"א צווייטער ענטפער האט אויפגעוויזן, אז ס'איז ניט אזוי, ווייל "אכט יאר און דער מאמע ווייסט ניט?!" - און דאס האט געפירט צו איר רפואה.



## דער ציל פון "שיקן" א תניא קיין... יאפאן

די פאלגנדיקע געשיכטע איז איינע פון די וואס זיינען געהערט און פארצייכנט געווארן מפי הרב החסיד ר' מ. ש-ט, איינער פון די וויכטיקסטע און אחריות'דיקסטע עסקנים פון חב"ד.

מיט א פינף-זעקס יאר צוריק - דערציילט הרב ר' מ. ש-ט - בין איך צוליב געשעפטלעכע אנגעלעגנהייטן געווען אין האנג-קאנג. כ'בין דארט איינגעשטאנען אין א געוויסן האטעל, וואו עס פלעגן זיך צונויפזאמלען די פרומע געשעפטסלייט, וועלכע קומען אין ווייטן האנג-קאנג וועגן פארשידענע עסקים. און האבן דארטן געהאלטן שבת צוזאמען, געדאווענט בציבור או"וו.

זייענדיק אין אט דעם האטעל איז צו מיר צוגעקומען אן אומבאקאנטער איד און האט מיר געפרעגט:

- איר זיינט א ליובאוויטשער?

- יא, האב איך געענטפערט, באטראכטנדיק דעם אידן - אן א באָרד, פון קורצן געוואוקס, וואס זיין פנים איז מיר געווען אינגאנצן פרעמד.

דער איד האט זיך פארגעשטעלט, אז זיין פאמיליע-נאמען איז שטיינמעץ און וואוינט אין קראקאס, הויפטשטאט פון ווענעזועלא. ער פארט אפט אין ווייטן מזרח, האבנדיק געשעפטלעכע פארבינדונגען מיט יאפאן. ער האט ווייטער דערציילט, אז הרב ר' מענדל טענענבוים, א מנהל פון ליובאוויטשער ישיבה "תומכי תמימים", קומט צו אים פון צייט צו צייט אין קראקאס, בכדי צו זאמלען פאנדן פאר דער ישיבה.

זייענדיק אין ניו-יארק - דערציילט מיר מר. שטיינמעץ - האט ער אפגערופן הרב טענענבוימען און ריידנדיק אזוי מיט אים האט הרב טענענבוים אים געזאגט: ווייבאלד אז ער איז שוין דא אין ניו-יארק, איז זייער כדאי אז ער, מר. שטיינמעץ, זאל אריינגיין צום רבי'ן שליט"א אויף "יחידות" (דעמאלט האט מען נאך אין א געוויסער מאס געקענט אריין צום רבי'ן שליט"א אויף יחידות). דער איד האט באלד מסכים געווען. אבער ווען ער האט וועגן דעם זיך אנגעפרעגט ביי הרב כאדאקאוו (הויפט פון דעם רבינ'ס "מזכירות"), האט ער אים געזאגט, אז ניין, מ'קען איצט ניט אריין צום רבי'ן שליט"א.

מר. שטיינמעץ (א פרומער איד) האט דאן געהאלטן ביים אונטערנעמען איינע פון זיינע נסיעות קיין יאפאן. צו יענער צייט האבן זיינע עלטערן געוואוינט אין שיקאגא און זיין מארש-רוט איז געווען אזוי - פון ניו-יארק האט ער געדארפט פארן קיין שיקאגא (באזוכן זיינע עלטערן), פון דארט - קיין סאן-פראנציסקא

און פון סאן-פראנציסקא מיט אן עראפלאן קיין יאפאן.

דערציילט מיר ווייטער מר. שטיינמעץ: וויבאלד מ'האט געזאגט, אז מ'קען ניט אריין צום ליובאוויטשער רבי'ן, איז דאך ניט שייך צו דינגען זיך און ער איז אפגעפארן פון ניו-יארק ניט זייענדיק ביים רבי'ן שליט"א. ער האט אבער געבעטן ה כאדקאוו איבערצוגעבן דעם רבי'ן שליט"א וועגן זיין נסיעה, א בעטן א ברכה. ער איז געווען אין שיקאגא ביי זיינע עלטערן או פון דארט זיך געלאזט אויף זיין רייזע קיין יאפאן. ווי געזא האט ער זיך געדארפט אפשטעלן אין סאן-פראנציסקא און דארט זי איבערזעצן אויף אן עראפלאן וואס פליט קיין יאפאן.

ווען ער איז שוין געווען אויפן סאן-פראנציסקער לופט-פעלד, האט ער דארט דערהערט ווי מען רופט אויס זיין נאמען פון א הילכער... ער איז געווארן שטארק פאר'חידוש'ט: ווער און פארוואס זאל מען דא ערגעץ אויפן ווייטן און גרויסן קאליפארניער לופט-פארט אים רופן אזוי דרינגענדיק?! אפשר מיינט מען ניט אים? - ער האט אבער ווידעראמאל קלאר געהערט, אז דאס מיינט מען אים און מ'רופט אים צו א געוויסן טעלעפאן אויפן לופט-פעלד... אבער ווי אזוי און ווער האט עס געקענט אים אויפזוכן פונקט אין דער קורצער ווײַלע פון זיין איבער-שטייגן פון איין עראפלאן אויפן צווייטן? - האט ער זיך ניט געקענט אפוואונדערן גייענדיק צום טעלעפאן.

ווען ער האט צוגעלייגט דאס טעלעפאן-טרייבל צו אויער, האט ער ווידער צו זיין גרויסער איבערראשונג דערהערט, אז דאס רעדט צו אים הרב כאדקאוו פון רבינ'ס שליט"א אפיס "אויף 770". (זעט אויס, אז פון רבינ'ס אפיס האט מען זיך פארבונדן מיט זיין פאטער אין שיקאגא, און ער האט עס געגעבן אינפארמי די גענויע פונקטן און צייטן פון זיין מארשרוט קיין יאפאן - אזוי דענקט הרב מ. ש-ט).

וואס פארא געוואלדיק-דרינגענדיקע ענינים דארף אים הר כאדקאוו איבערגעבן אזוי ראפטום אין די מרחקים פון טויזנטע מייל אויף א קאליפארניער לופט-פעלד? - האט מר. שטיינמעץ א דערשטוינטער געטראכט. און ווידער אן איבערראשונג:

הרב כאדקאוו האט אים טעלעפאניש געזאגט, אז זייענדיק ביים רבי'ן שליט"א האט אים דער רבי געזאגט, אז ער וויל מיט מר. שטיינמעצ'ן מיטשיקן (קיין יאפאן) א סידור און א תניא. אזוי ווי ער, הרב כאדקאוו, האט פריער געזאגט, אז ער קען ניט אריין צום רבי'ן אויף יחידות (זעט אויס, אז דער רבי שליט"א האט עס יע געוואלט...), וויל הרב כאדקאוו וויסן, וואו מר. שטיינמעץ שטייט-איין אין יאפאן, בכדי איבערצושיקן דארט מיטן שנעלסטן לופט-פאסט דעם סידור מיטן תניא. דעריבער טעלעפאנירט ער איצט צו דערוויסן זיך זיין גענויעם אדרעס אין יאפאן.

מר. שטיינמעץ האט אים געענטפערט אין טעלעפאן, אז ער שטייט-איין אין א האטעל אין א יאפאנישער שטאט קאבי און האט אנגעגעבן דעם גענויעם אדרעס.



גאר אין קורצן נאך מר. שטיינמעצ'ס אנקומען אין קאבי האט ער דארט באקומען דאס פעקעלע מיטן סידור און תניא. מר. שטיינמעץ איז אבער געווען מלא חידוש. ער האט בשום-אופן ניט געקענט באגרייפן וואס דאס מיינט: ווען ער וואלט געווען ביים רבי'ן שליט"א אויף יחידות און דער רבי וואלט אים אויפן וועג מיטגעגעבן דעם סידור מיטן תניא, וואלט ער נאך געקענט פארשטיין דעם באדייט דערפון; אבער אזא שטייגער איבערשיקן מיט אן אימפעט-געאייל, דורך די גיכסטע קאמוניקאציעס דורך טויזנטער מייליקע טעלעפאנען און לופט-וועגן - און דאס אלץ בכדי ער זאל דארט, אין ווייטן יאפאן, קריגן דארט דעם סידור'ל מיטן תניא... אבער צוליב וואס? פארוועמען? פארוואס עפעס אין יאפאן? וואס איז אזוי די וויכטיקייט אין דעם אלעם? מר. שטיינמעץ האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן.

ווי באקאנט, קומען דארט קיין יאפאן היפש אידישע סוחרים, צווישן זיי אויך פרומע, חסידישע אידן. איז עש"ק, גייענדיק צום דאווענען אין שול, האט מר. שטיינמעץ מיטגענומען מיט זיך דאס פעקעלע. באגעגנדיק דארט איינעם א חסידישן סוחר, האט מר. שטיינמעץ זיך פאנאנדער גערעדט מיט אים און דערציילט וועגן דעם אויסטערלישן פאל מיטן סידור און תניא, וואס דער רבי שליט"א האט איבערגעשיקט צו אים אויף אזא שטורעמדיק געאיילטן און אומבאגרייפלעכן אופן - און בסך-הכל ווייסט ער ניט וואס איז דער צוועק דערפון, וואס ער זאל טאן.

אז דער חסידישער סוחר האט געהערט מר. שטיינמעצ'ס געשיכטע איז ער ארויפגעפאלן אויף מר. שטיינמעץ, אים געקושט און זיך צעוויינט. פארוואס?

דערציילט ער מר. שטיינמעצן אט וואס: ער איז א גערער חסיד און א געוועזענער תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין אין פוילן. און זינט זיינע יונגע ישיבה'שע יארן אין "ישיבת חכמי לובלין" - נאך פאר דער לעצטער וועלט-מלחמה - האט ער זיך געמאכט א קביעות צו לערנען אלע טאג אייניקע שורות תניא; א קביעות וואס ער האט הייליק אפגעהיט דורך זיינע אלע יארן. און איצט ביי דער נסיעה קיין יאפאן איז דאס ערשטע מאל געשען, אז ער האט פארגעסן מיטצונעמען מיט זיך דעם תניא. ער האט דערפון מורא'דיקן צער; ער איז אויס מענטש פון פארדרוס. ער האט אפילו אפגערופן זיין זון אין ארץ-ישראל און מיט אים גערעדט וועגן דעם - אפשר וועט מעגלעך זיין אים איבערצושיקן אהער א תניא... ס'איז ניט אנדערש, נאר דאס האט דער רבי שליט"א אים געמיינט ביים איבערשיקן דא דעם תניא...

און דער גערער חסידישער סוחר האט צוגענומען דעם תניא.

דאס סידור'ל האט מר. שטיינמעץ גענומען פאר זיך.

הרב מ. ש-ט האט פארענדיקט, אז מר. שטיינמעץ האט עס דערציילט מיט אזא התלהבות, מיט אזא געפילפולער איבערלעבונג,

אז געמיינט האב איך אז דאס האט ערשט פאסירט. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז דאס איז געשען מיט א יארצענדליק צוריק, און דאך איז ער געווען נאך אלץ אונטער דעם שטארק רושם פון דער וואונדערלעכער איבערלעבונג. פון דעמאלט אן מר. שטיינמעץ נאך נעענטער געווארן צו דער וועלט פון חב"ד און צו איר נשיא שליט"א.

---------- * ----------